STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11854

DER MESHULEKH

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פּערעץ

דער מעשולעכ

און אנדערע דערציילונגען

אָגיז
מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס"
מאָסקווע 1945

אינהאַלט

	זײַט
דער מעשולעכ	5
באָנציע שווײַג	15
דער טאָנעס	25
דער מעשוגענער באַטלען	29
דאָס שטרײַמל	43
די פֿרומע קאַץ	57
אָנמערקונגען און דערקלערונגען	61

И. Л. Перец
Посыльный
На еврейском языке

Редактор *А. Фрумкин.*

Подписано к печати 16 IV 1945 г. Б-11713
Тираж 10 000. 2 п. л., 3,2 уч.-изд. л., 65,2 тыс. знаков в п. листе.
Заказ № 97, формат бумаги 70×108 $_{32}$. Цена 1 руб. 50 к.

Отпечатано с матриц в типографии Госэнергоиздата.
Москва, Шлюзовая наб., 10.

דער מעשולעכ

ער גייט, אונ דער ווינט צעיאָגט די פּאָלעס אונ די ווײַסע באָרד.

אַלע מאָל כאַפּט ער זיכ אָנ מיט דער רעכטער האַנט אינ דער לינקער זײַט! עס גיט אים אַלע מאָל דאָרט א שטאָכ. ער וויל זיכ דאָכ נישט מוידע זײַנ; ער וויל זיכ דאַפּקע אײַנרײדנ, אַז ער טאַפּט נאָר בא דער בוזעמ-טאַש.

— איכ זאָל נאָר דעמ קאָנטראַקט מיט דעמ געלט נישט פאַרלירנ! — אָט פאַר דעמ מיקלוימערשט ציטערט ער.

— אונ אַפילע אויס שטעכט, איז אויכ א נאַרישקײַט! איכ האָב נאָכ, געלויבט איז גאָט, גענוג קויעכ אפּ אזא שלי עס. אַנדערע אינ מײַנע יאָרנ וועלנ שוינ קיינ ווייאָרסט נית אָפּגיינ, נאָר איכ, געלויבט איז זײַנ ליבער נאָמענ, דאַרפ נאָכ נישט צו קיינ מענטשנ אונ פאַרדינ מיר אַלײנ מײַנ ברויט... געלויבט איז גאָט, מע געטרויט מיר געלט!

— ווענ איכ האָב מײַנ אייגנס, — טראַכט ער ווײַטער — וואָס מע געטרויט מיר, וואָלט איכ אינ שליכעס צו זיבעציק יאָר נישט געגאַנגענ; וויל אָבער דער רבוינעשעלוילעמ אזוי, איז אזוי גוט!

עס הייבט אָנ פאַלנ גראָבע פלאַכעס שניי; ער ווישט זיכ אַלע מאָל דאָס פּאָנעמ.

— איכ האָב נאָכ — טראַכט ער — אײַנגאַנצנ א האַלבע מײַל, אָווא! אויכ מיר א גאַנג! א סאַכ נעענטער ווי ווײַטער! — ער דרייט זיכ איבער — מע זעט שוינ אַפילע נישט דעמ שטאָטישנ זייגער, נישט דעמ קלויסטער, נישט די קאַזאַרמע. „נו, שמאַריע, פאָר!”.

אונ שמאַריע פאָרט אינ דעמ נאַסנ שניי; די אַלטע פיס קאָפּענ

זיך אַרײַן און אַרויס. — „געבליבן איז גאָט, עס איז קיין גרויסער ווינט נישטאָ!"

גרויס האָט, אָפּגענומען, בײַ אים געהייסן אַ שטורעמווינט; דער ווינט איז געווען גענוג שטאַרק און געיאָגט גלײַך אין פּנים אַרײַן, אַז עס האָט אים אַלע מאָל אָטעם פֿאַרפֿעלט; ער האָט אים אַרויסגענאַרט אַלע טרערן פֿון די אַלטע אויגן, וואָס האָבן אים געשטאָכן ווי שפּילקעס. נאָר אין די אויגן לײַדט ער טאָמיד.

פֿאַרן ערשטן געלט, פֿאַלט אים אײַן, קויפֿט ער זיך וועג-ברילן. — אַזעלכע גרויסע, קײַלעכדיקע; זיי זאָלן די גאַנצע אויגן פֿאַרשטעלן.

— גאָט זאָל וועלן, — טראַכט ער — וואָלט איך צו דעם אויך געקומען! עס זאָל נאָר זײַן אַלע טאָג אַ שליכעס, און ווײַט, גאָר ווײַט גיין, באַרעכאָשעם, קאָן איך, וואָלט איך מיר שוין אָפּגעשפּאָרט אויף אַ פּאָר ברילן...

ער דאַרף אַפֿילע אַ שטיקל פּעלצל אויך. עס וואָלט אים לײַכטער געווען אויף דער ברוסט... ער רעכנט איבער, אַז דערווײַל האָט ער נאָך אַ וואַרעמע קאַפּאָטע!

— זי זאָל זיך נאָר נישט רײַסן, וואָלט זי גאָר וווּיל געווען. — ער שמייכלט מיט פֿאַרגעניגן. — דאָס — טראַכט ער — איז נישט קיין הײַנטיקע קאַפּאָטע, קיין קײַ און שפּײַ, קיין שפּינוועבס! נאָר פֿאַרצײַטישער לאַסטיק; דאָס, ווערט מיך איבערלעבן! און אָן אַ שפּאַלט, דאָס איז אויך אַ מײַלע; זי צעפּליט זיך נישט אַזוי ווי אַ הײַנטיקע סכוירע, און פֿון פֿאָרנט פֿאַרלייגט זיך אויף אַן אייל!..

— אַ פּעלצל — טראַכט ער ווײַטער — איז אייגנטלעך בעסער. אַ פּעלצל איז וואַרעם, גוט וואַרעם. נאָר אַלץ פֿריִער ברילן. אַ פּעלצל איז נאָר גוט ווינטער, און ברילן דאַרף מען טאָמיד, וואָרעם זומער, אַז עס מאַכט זיך אַ ווינט און יאָגט דעם שטויב גלײַך אין די אויגן אַרײַן, איז ערגער ווי ווינטער!

און עס בלײַבט, אַז פֿריִער זײַנען ברילן, דערנאָך ערשט אַ פּעלצל! דער אייבערשטער זאָל גאָר העלפֿן, ער זאָל אָפּנעמען דעם ווייץ... אַ פֿיר גילדן וועט ער אַוודאי כאַפּן...

אונ ער שלאָפּט ווײַטער, אונ דער נאסער שנײ פּאטשט אימ אינ פּאָנעמ ארײַנ, דער ווינט ווערט אלע מאָל שטארקער אונ די זײַט שטעכט אלע מאָל מער.

— דער ווינט זאָל זיכ נאָר ווענ איבערדרייענ! נאָר מינהאסטאמ — טראכט ער — איז אזוי גלײַכער, צוריקצוווענס וועל איכ מער מיד זײַנ, וועל איכ אימ דעמלט האָבנ פונ הינטנ! אָ, דעמלט וועט עס גאָר אנדערש גײנ! אלצ פארזאָרגט! גרינג אפנ הארצ!

ער האָט זיכ געמוזט אָפּשטעלנ א רעגע אונ דעמ אָטעמ כאפּנ. דאָס שרעקט אימ א ביסל איבער:

— וואָס איז אזוינס מיט מיר געשענ? ווײניק פרעסט אונ ווינטנ האָב איכ אויסגעהאלטנ אלס קאנטאָניסט? — פרעגט ער זיכ טרויעריק אונ האלב דערשראָקנ.

אונ ער דערמאָנט זיכ זײַנ סלוזשבע אלס ניקאָלײַעווסקער סאָלדאט. פינפ אונ צוואנציק יאָר ריינע סלוזשבע אונטער דער ביקס, כוצ די קינדערשע יאָרנ אלס קאנטאָניסט. ער איז זיכ געגנוג אָנגעגאנגענ אינ זײַנ לעבנ, געמארשירט איבער בערג אונ טאָל, אינ שנײ אונ פרעסט אונ אלערלײ זאווערוכעס. אונ וועלכע שנײענ, וועלכע פרעסט! די בײמער פלעגנ פּלאצנ, פײגעלעכ פלעגנ טויט אראָפּפאלנ אפ דער ערד — אונ דער רוסישער סאָלדאט איז געגאנגענ פריש, לעבעדיק, אונ נאָכ דערצו א לידעלע געזונגענ, א טרעפּאק, א קאָמארינסקי אונ מיט די פיס צוגעקלאפּט!

דער געדאנק, אז ער האָט גאנצע פינפ אונ דרײַסיק יאָר אויסגעהאלטנ די פארצײַטיקע סלוזשבע, אויסגעשטאנענ אלע צאָרעס, אלע שנייענ, אלע ווינטנ, אלע שלעק, הונגער, דאָרשט אונ נויטנ, אונ א געזונטער אהײמ געקומענ — דער געדאנק מאכט אימ גרויס! ער הייבט אופ דעמ קאָפּ מיט גאדלעס אונ גייט מיט נײַעמ קויעכ.

— הא, הא, וואָס איז גאָר בא מיר אזא פרעסטל? אינ רוסלאנד, דאכט זיכ, איז געוועזנ עפּעס אנדערש!

ער גײט, דער ווינט ווערט א ביסל שטילער, עס ווערט אלע מאָל טינקעלער, עס פאלט צו די נאכט.

„אויכ מיר א טאָג — טראכט ער — א טאל־אומאָטערל!..” אונ ער

הייבט זיכ אָנ מער צו יאָגנ, עס זאָל אים נישט די נאַכט באַפאַלנ. נישט אומזיסט גייט ער שנעלער ביז שלינגנ ליגנדע מוריע, ער ווייסט: מע דאַרפ אַרויסגיינ און צוריק קומענ בײַ ליכטיקנ!

ער פילט א ביסל הונגער, און א טעווע האָט ער, אַז ווענ ער ווערט הונגעריק, ווערט ער לוסטיק! ער ווייסט, אַז אַפּעטיט איז א גוטע זאַכ; זײַנע סאָברים, וואָס שיקנ אים אינ קליבעס, ווייסנ טאָמיד נאָר אָנ דעם, וואָס זיי זײַנענ קיינמאָל ניט הונגעריק! ער האָט, באַפרײַשעם, אַפּעטיט! אויסער, אַז ער איז נישט בעקאַוו האַבריגע ווי, ליבנקשל, גערעכנט; ער איז קראַנק געווענ, האָט זיכ אים געדאַכט, אַז דאָס ברויט איז זויער.

— גיי, ווו איז עס זויער געווענ; זעלנעריש ברויט! אַבאָל עס-שער יאָ, אָבער היינט? היינט באַקט מאַניע אזא ברויט, אַז די יידישע בעקערס מעגנ זיכ באַהאַלטנ. און געקריגט האָט ער גאַנצ פרישע ברויט! עס איז געווענ א מעכײַע צו שנײַדנ. ער איז אָבער נישט געווענ בעקאַוו האַבריע, עפּעס האָט אים א קעלט געיאָגט אדורכ די ביינער.

— נאָר געגלויבט זיכ דער, וואָס ער איז ניט ווערט זײַנ נאָמענ צו געדענקענ, עס טרעפט זיכ אים זעלטנ!

אַצינד האָט ער אויכ אַפּעטיט, ער האָט געפילט אינ קעשענע ברויט מיט א שטיקל קעז... דאָס שטיקל קעז האָט אים דעם כריסטוס ווײַב געגעבנ, לעבנ זאָל זי און געזונט זײַנ! זי איז טאַקע א גויצקע, זי האָט א יידיש האַרצ.

— זי זאָל נאָר נישט אויפ קלאָלענ, — טראַכט ער — וואָלט זי גע-ווענ גאָר א ווילע יידענע!.. — ער דערמאָנט זיכ אינ זײַנ געשטאָרבנ ווײַב.

— גאָר מײַנ שפרינצע ניעפּריטשקעמ! זי האָט אויכ געהאַט א גוט האַרצ, און אזא טעווע צו קלאָלענ! וואָס פאַר א קינד איכ האָב אויפגעשיקט אינ דער וועלט אַרײַנ, האָט זי געזונגען ווי א גבירטע, כאָטש אינ דער היים האָט זי זיי געשאָלטנ מיט טויטע קלאָלעס! ווער שמועסט, — דערמאָנט ער זיכ — אַז איינס איז געשטאָרבנ! זי האָט זיכ געוואָרפנ גאַנצע טעג ווי א שלאַנג אָנ דער ערד, געהאַקט זיכ מיט די פויסטנ אינ קאָפּ אַרײַנ.

איינמאָל האָט זי גאָר געוואָלט וואַרפן א שטיין אין הימל אַרײַן!

— „אָט, זעסטו, — טראַכט ער — גאָט מאַכט זיך א סאַך פון א נאַרישע ייִדענע!.. זי לאָזט אָבער נישט אַרויסנעמען די מיטע מיטן מעס! זי פּאַטשט אויס די ווײַבער, דער כעוורע נויסים רײַסט זי אויס די בערד;"

„א שיינע גוורע האָט געשטעקט אין דער שפּריגצען! עס האָט זיך געדאַכט א פליג, און אזא קויעך, אזא קויעך!.."

— פּאָרט, זי זאָל עס מיר מויכל זײַן, א גוטע געווען! זי האָט אפילע מיך אויך נישט פײַנט געהאַט, כאָטש זי האָט מיר קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געגעבן!

געשריגן האָט זי: א געט, א געט! אז נישט, וועט זי אזוי אַנטלויפן! נאָר ווו האָט זי געוואָלט א געט!

ער דערמאָנט זיך עפּעס און שמייכלט...

די מײַסע איז שוין לאַנג, לאַנג, זינטסטמאָל איז נאָך געווען די קאָנסומציע און ער איז געווען א נאַכט-וועכטער און אַרומגעגאַנגען גאַנצע נעכט מיטן אײַזערנעם שטעקעלע, מע זאָל נישט אַרײַנגאַנווענען בראָנפן!

סלוזשבע האָט ער געקענט, בא פּאָניען איז א גוט כיידער, ער האָט גוטע מעלאַמדים געהאַט!.. פאַרטאָג, ווינטער איז עס געווען, עס קומט אים אָפּבײַטן דער טאָג-וועכטער, כאַים-יוינע — איז שוין אַפּ אוילעם עמעס — און ער גייט אהיים געפרוירן, פאַרשטאַרט! ער קלאַפּט בא דער טיר, און זי שרײַט אים אַרויס פון בעט:

„גיי אין דער ערד אַרײַן! איך האָב געמיינט, דײַן נאָמען וועט אהיים קומען".

אָהאָ! זי איז בייז נאָך פון נעכטן באַטאָג! ער קען זיך אפילע נישט דערמאָנען, וואָס נעכטן איז אזוינס געווען, נאָר זײַן האָט דאָך עפּעס געמוזט.

— פאַרמאַך דאָס מויל און עפן! — שרײַט ער.

— דעם קאָפּ וועל איך דיר עפענען! — הערט זיך א קלאָרע שוווע.

— לאָז מיך אַרײַן! — שרײַט ער.

— אין דער ערד אַרײַן גיי! — ענטפערט זי.

און ער האָט זיך מעיאשעװ געװעזן און איז געגאַנגען אין בעס־מעדרעש אַרײַן. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן אונטערן אױװן. צום שלימאזל איז געװעזן א סװאָנד, ער איז פארגאָרעט געװאָרן, און מע האָט אים אהיים געטראָגן א טױטן...

„א קלײניקײַט האָט דעמלט שפרינצע איבערגעארבעט!" ער האָט שפעטער גאנץ גוט געהערט, װאָס זי האָט איבערגעארבעט.

מע זאָגט איר: עס איז גאָרנישט, א סװאָנד.

ניין! זי װיל נאָר א דאָקטער; זי האָט בעדייע צו כאלעשן, צו װארפן זיך אין װאסער אַרײַן, און שרײַט נאָר: מײַן מאַן! מײַן מאַן, מײַן טאכשיט!

ער נעמט צוזאמען אלע קױכעס, זעצט זיך אױף און פרעגט זי געלאסן:

— שפרינצע, װילסט א געט?

— נעם אײַן... — זי האָט דאָך נישט געענדיקט די קלאָלע און ארױס־געלאָזט א געװײן...

— שמאריע, װי מײנסטו, גאָט װעט מיך ניט שטראָפן פאר מײַנע קלאָלעס, פאר מײַן רישעס?..

קױם איז ער אָבער געזונט געװאָרן, — צוריק די אײגענע שפרינצע: א מױל אף דעדער, א צונג אף שרױפן, און אײַזן שטארק, זי קראצט װי א קאץ. הא, הא! א שאָד שפרינצע! זי האָט אפילע קײן נאכעס פון די קינדער נישט דערלעבט.

עס מוז זײ גוט גײן אף דער װעלט; אלע באלמעלאָכעס. די מע־לאָכע לאָזט ניט שטארבן פאר הונגער! קױעך האָבן זײ, אין מיר אַרײַן געראָטן, אײַ װאָס, זײ שרײַבן נישט, װאָס איז? אלײן קענען זײ נישט, און גײ בעט ערשט אן אנדערן, יענער זאָל שרײַבן! און װאָס פאר א טאָם האָט אזא בריװ? װי איבערגעשװענקטע יאָך! און גלאט מיט דער צײַט... יונגע קינדער פארגעסן... עס מוז זײ דאָך גאָר גוט זײַן...

נאָר שפרינצע נעבעך ליגט אין דער ערד! א שאָד שפרינצע!

— אזוי ווי די קאָנסומציע האָט אופגעהערט, איז זי געוואָרן אויס מענטש! טאקע, איידער איך האָב מיך געווינט צום שליכעס, צו זאָגן דעם פּאָרעץ: יאשניע פּאניע, נישט וואשע וויסאָקאָ בלאגאָראָדיע, איידער מע האָט מיר געטרויט קאָנטראקטן מיט געלט — האָט געפעלט דאָס שטיקל ברויט...

מיילע איך, זעסטו, א מאנספּאַרשוין, א געוועזענער קאנטאָניסט, עסט מען נישט א טאָג! איר אָבער איז עס געגאנגען, משטיינס-געזאָגט, אינעם גאנצן לעבן! א נארישע יִידענע, זי פאַרלירט באלד די קויכעס, זי האָט שוין נישט אפילע געקאָנט שעלטן, דער גאנצער שייגעץ איז איר פון קאָפּ ארויס, און נאָר געוויינט!..

עס איז מיר נימעס-אומאָעס געוואָרן פארן לעבן... עפּעס האָט זי גאָר מוירע געקריגן פאר מיר! זי האָט גאָר מוירע געהאט צו עסן, מיר זאָל נישט פעלן; אז איך זע, אז זי האָט מוירע, בין איך בא קוראזש, איך שריי, איך שעלט! לעמאָשל: פאַרוואָס גייסטו נישט פרעסן?! איך פאל אמאָל איין א רעציכע אריין און וויל זי פּאָשעט שלאָגן, נאָר גיי שלאָג א וויינענדיקע יִידענע, אז זי זיצט פארלייגט די הענט און רירט זיך נישט! איך לויף צו מיט איין קולאק, שפּיי איין אים נאָך אָן, און זי ענטפערט מיר: „עס פריִער דו אָפּ, איך וועל דערנאָכדעם עסן!” און איך האָב געמוזט פריִער אָנבייסן פונעם ברויט, און איר איבערלאָזן די רעשט...

אמאָל נארט זי מיך ארויס אין גאס אריין: איך וועל שוין עסן, גיי נאָר אין גאס אריין; גיי, עפּשער וועסטו עפּעס פארדינען, און מיקלוימערשט שמייכלט זי דערביי, און גלעט מיך אמאָל!

און אז איך גיי און קום צוריק, טרעף איך נאָך קימאט דאָס אייגענע ברויט! זי רעדט מיר איין, אז זי קען נישט עסן קיין טרוקנס, זי דארף גאָר א גריץ!

ער בייגט אראָפּ דעם קאָפּ, גלייך עס וואָלט אים געדריקט א שווערע לאסט, און די טרויעריקע געדאנקען יאָגן:

— און וואָס פארא יעלאָלעס זי האָט געמאכט, אז איך האָב געוואָלט מיין שאבעסדיקע קאפּאָטע, אָט די, וואָס איך טראָג, — פארזעצן!

מײַסים האָט זי געאַרבעט און געלאָפֿן און פֿאַרזעצט אירע מעשענע בענטש-לײַכטער. און ביז אין טויט אַרײַן שוין געבענטשט אין קאָר-טאָפּל!.. פֿאַרן טויט האָט זי מיר מודיע געווען, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט קיין געט, אַז זי האָט נאָר אַ בייז מויל געהאַט.

— די צונג, די צונג, — האָט זי געשריגן. — ריבוינעשעלוילעם, זײַ מיר מויכל די צונג! — און איז טאַקע געשטאָרבן אין איין פּאַכעד, מע זאָל זי אָפּ יענער וועלט נישט הענגען אָפּ דער צונג!

— גאָט, — מאַכט זי צו מיר, — וועט קיין ראַכמאָנעס אָפּ מיר נישט האָבן; איך האָב צופֿיל געזינדיקט! נאָר אַז דו וועסט קומען, נישט באַלד, כאַסוועשאָלעם! איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז דו וועסט קומען, געדענק, כאַפּ מיך אַראָפּ פֿון טליִע! זאָג דעם בעסדן-שעל-מײַלע, אַז דו האָסט מיר מויכל געווען!

זי האָט באַלד פֿאַרלוירן די געדאַנקען, אַלץ גערופֿן די קינדער! עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיי זײַנען דאָ אין שטוב, אַז זי רעדט מיט זיי, און האָט זיי אויך געבעטן מעכילע!

אַ נאַרישע ייִדענע, ווער וואָלט איר נישט מויכל געווען.

ווי אַלט איז זי געווען איינגאַנצן? עפּשער אַ יאָר פֿופֿציק! אַזוי פֿרי געשטאָרבן! אַ קלייניקײַט, אַז אַ מענטש נעמט זיך אַליין צו דאָס לעבן, אַז וואָס מע טראָגט אַרויס פֿון שטוב צו פֿאַרזעצן, טראָגט מען איר אַרויס האַלב געזונט, שטיקער פֿלייש!..

טאָג אָפּ טאָג איז זי גרינגער און געלער, קלענער און דאַרער געוואָרן.

זי האָט געזאָגט, אַז זי פֿילט, ווי דער מאַרכ טריקנט איר אין די ביינער... זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט שטאַרבן!..

ווי זי האָט ליב געהאַט די שטוב מיט אַלע זאַכן! וואָס מע האָט אַרויסגעגעבן: אַ בענקל, אַ בלעכענע העסע, איך ווייס וואָס, האָט זי עס באַגאָסן מיט ביטערע טרערן; זי האָט זיך מיט יעדער זאַך געזעגנט ווי אַ מאַמע מיט אַ קינד!.. משטיינס-געזאָגט, אַרומגעכאַפּט און קימאַט געקושט... „אַהאָ! — מאַכט זי. — ווען איך וועל שטאַרבן, וועסטו שוין נישט זײַן אין שטוב!"

א מײַסע, א בעקייוּע איז פֿאַרט א נאַר! א רעגע איז זי א קאָזאַק אינ ספּודניצע, אונ א ליאַדע־וואָס — ערגער ווי א קינד! זעסטו שוינ, בא שטאַרבנ איז אוואַדע א פּילעק צי מיט א בענקל צי אָנ א בענקל!..

— פע! — האַקט ער זיכ אַלײנ איבער די געדאַנקענ. — וואָס מיר קומט אַלצ אינ קאָפּ אַרײַנ, דורכ די פּוסטע זאַכנ גײ זיכ וואַלגע.

— נו, זעלנערישע פֿיס, טראָגט ווײַטער! — קאָמאַנדירט ער מיט זיכ.

ער קוקט זיכ אומ — אַרומ אונ אַרומ שנײ; איבנ — א גרויער הימל מיט שוואַרצע שמאַטעס געלאַטעט; — גאָר מײַנ אונטערשטע קאַפּאָטע! — טראַכט ער. — שײַנט מיט לאַטיקענע לאַטעס! ריבוינעשע-לוילעמ, דיר פֿעלט אויכ קרעדיט אינ געוועלב?

דערווײַל נעמט א פּראָסט. די באָרד אונ די וואָנסעס זײַנענ אײַז, אינ גופּ איז זעלע נישקאָשע, דער קאָפּ איז גאָר וואַרעמ, אָפּנ שטערנ פּילט ער טראָפּנ שווייס; נאָר די פֿיס ווערנ וואָס אַמאָל קעלטער אונ שוואַכער.

שוינ נישט ווײַט, ער האָט דאָכ בײַשעק זיכ אָפּצורוענ אונ ער שעמט זיכ פֿאַר זיכ אַלײנ. דאָס ערשטע מאָל דאַרפּ ער זיכ אָפּרוענ בא א שליכטע פּונ צוויי מײַל וועג. ער וויל זיכ נישט מודע זײַנ, אַז ער איז אַנ אַכציקער אונ עס איז שוינ צײַט דערופֿ.

גײנ, ער מוז גײנ... נאָר גײנ... קאָלזמאַנ מע גײט, גײט מענ, עס טראָגט זיכ; קוימ גיט מענ נאָכ דעמ יעיִצערהאָרע אונ מע רוט זיכ אָפּ, ווערט מענ שוינ א לײַט!

— מע קאָנ זיכ גלאַט פֿאַרקילנ, שרעקט ער זיכ אַלײנ איבער, אונ וויל זיכ אַלצ אויסרעדנ דעמ שטאַרקנ בײַשעק צומ אָפּרוענ.

— נישט ווײַט שוינ צומ דאָרפֿ, דאָרט וועל איכ זיכ צײַט האָבנ!

— דאָס — טראַכט ער — וועל איכ יאָ טאָנ: איכ וועל נישט גײנ גלײַכ צומ פּאָרעצ... בײַמ פּאָרעצ מוז מענ וואַרטנ א שעה אינ דרויסנ... נאָר גלײַכ צומ ייִד.

— כאָטש גוט, — טראַכט ער — וואָס איכ האָב נישט קײנ מורע פֿאַר דעמ פּאָרעצס הונט; פּונדעסטוועגנ, באַנאַכט, אַז מע לאָזט אָפּ

דעמ בורנ, איז פאָרט א סאקאָנע: איכ האָב מיט אפילע מײַנ וועטשערע, אונ בורי האָט ליב קעז, פאָרט בעסער פריִער אויסרוענ די ביינער! איכ וועל מיר פריִער גיינ ארײַנ צומ ייִד, אָנווארעמענ זיכ, וואשנ זיכ, עפּעס עסנ...

אונ עס קומט אימ וואסער אינ מויל ארײַנ; ער האָט פונ אינדערפרי אָנ נישט געגעסנ; נאָר דאָס איז א קלייניקײַט, אימ ארט נישט, וואָס ער איז הונגעריק; ער האָט האנאָע דערפונ: אז מע איז הונגעריק, איז א כימענ, אז מע לעבט! נאָר די פיס!..

ער האָט נאָכ אינגאנצנ א צוויי ווערסט, ער זעט שוינ ארויס דעמ פּאָרעצס גרויסע שאָפּע... נאָר די פיס זײַנענ נישט, זיי ווילנ זיכ דאפּקע אָפּרוענ!

— אונ ווידער פארקערט, — טראכט ער זיכ, — וואָס איז, אז איכ וועל מיכ א ביסל אָפּרוענ? א מינוט, א האלבע מינוט! עפּשער יאָ? לאָז מיכ נאָר פּרוּוונ! אזוי לאנג פאָלגנ מיכ די פיס, וועל איכ זיי אויכ אמאָל פאָלגנ!

אונ שמאריע זעצט זיכ אינ דער זײַט אפ א בערגל שניי. אצינד הערט ער ערשט, ווי דאָס הארצ קלאפּט אינ אימ ווי א האמער אונ עס שטעכט, אונ דער קאָפּ שוויצט...

ער דערשרעקט זיכ... צי ווערט ער נישט קראנק? ער האָט בא זיכ פרעמד געלט! ער קאָנ בלײַבנ, כאסוועשאָלעמ, כאלאָשעס... אונ ער טרייסט זיכ: געלויבט איז גאָט, וואָס קיינער גייט נישט! אונ אפילע עמעצ זאָל גיינ, וועט אימ אויכ נישט אײַנפאלנ, אז איכ האָב געלט בא מיר... משטיינס-געזאָגט, וועמענ מ׳געטרויט געלט!.. נאָר א קאפּ זיצנ, דערנאָכ וואלײַ!

נאָר די ברעמענ פאלנ אימ צו ווי בלײַ.

— ניינ, הייב דיכ אופ, שמאריע, ווסטאוויי! — קאָמאנדירט ער מיט זיכ.

קאָמאנדירנ קאָנ ער נאָכ, אָבער אויספירנ נישט; ער קענ זיכ נישט רירנ, אימ דאכט זיכ דאָכ, אז ער גייט, אז ער גייט אלע מאָל שטארקער! אָט זעט ער שוינ אלע הײַזלעכ... דאָ ווינט אנטעק, דאָרט

באזילי; ער קען זיי אלע, ער דינגט בא זיי פורן... צום ייד איז נאָך ווייט, נאָר גלייכער צום ייִד... מ'טרעפט דאָרט אמאָל מעזומענ... און אים דאכט זיך, אז ער גייט צום ייִדס הייזל; נאָר עס רוקט זיך אָפּ אלע מאָל ווייטער, ווייטער... מינהאסטאם דארפ אזוי זיין... עס ברענט דאָרט א פריילעכ פייערל אפנ קוימענ, דאָס גאנצע פענצטערל איז לוסטיק און רויט, די... גראָבע מירל שוימט אוואדע א גרויסנ טאָפּ קארטאָפל, און זי איז אים שטענדיק מעכאבעד מיט א קארטאָפל; א פארגעניגנ א הייסע קארטאָפל! און ער רוקט זיך ווייטער. אזוי דאכט זיך אים אויבוואָל ער זיצט אפ אנ אָרט.

דער פראָסט האָט א ביסל געלאָזט, עס הייבנ אָנ פאלנ ברייטע דיקע פלאכעס שניי.

אים איז, אפּאָנעם, אויך ווארעמער געוואָרנ אינ דער שניי-קאפּאָטע. און עס דאכט זיך אים, אז ער איז שוינ באמ ייִד אינ שטוב. מירל זיידט די קארטאָפל, ער הערט, ווי דאָס וואסער גיסט זיך, זיור, זיור, זיור, און אזוי גיסט זיך פונ זיינ לאסטיקענער קאפּאָטע אויך. יוינע גייט ארום און זינגט אונטער דער נאָז; זיינ שטייגער איז צו זינגענ נאָך מיידעוו, ווייל דעמלט איז ער הונגעריק, און מאכט אלע מאָל: „נו, מירל!"

נאָר מירל יאָגט זיך נישט; „וואָלנער טוט זיך בעסער!"

— צי שלאָפ איך, און עס כאָלעמט זיך מיר? — ווערט ער ראפּטום פריילעכ דערשראָקנ. עס דאכט זיך אים, אז עס עפנט זיך די טיר און עס קומט ארייִנ זיינ עלטערער זונ... כאָנע! כאָנע! אָ! ער דערקענט אים! וואָס טוט ער דאָ? נאָר כאָנע דערקענט אים נישט, און ער מאכט זיך נישט ווייסנדיק... כא, כא, כא, ער דערציילט יוינען, אז ער פאָרט צום טאטנ, ער פרעגט אויס אפנ טאטנ, ער האָט דעמ טאטנ נישט פארגעסנ! און יוינע מאמזער זאָגט אים נישט, אז דער טאטע זיצט אפנ באנקבעטל!.. מירל האָט צו טאָנ: זי איז פארנומענ בא די קארטאָפל, זי וועט נישט מאפסיק זיינ; זי שמייכלט נאָר, זי רייבט די קארטאָפל מיטנ גרויסנ הילצערנ לעפל און שמייכלט!

— אָ! כאָנע מוז זיינ רייך, גאָר רייך! אלץ איז אפ אים גאנצ,

און א קײט... עפּשער טאַבאַק? זײַנ, אַװאַדע געלד! כאָנע װעט נישט טראָגנ קײנ טאָמבעקענע קײט, כאַסװעשאָלעם... כא, כא! כא! — ער גיט א קוק אפּנ פּיעקאָליק... כא! כא! כא! — ער פּלאַצט שיר פאַר געלעכטער. יעקל, בערל, זכאַריע... אַלע דרײַ... כא! כא! כא! זײ האָבנ זיך באַהאַלטנ אפּנ פּיעקאָליק, דאָס איז גאַנאָװים! כא! כא! כא! א שאָד שפּרינצע, א שאָד! זי זאָל כאָטש איך האָבנ דאָס נאַכעס! דערװײַל באַשטעלט כאָנע צװײ געגדרײַ: כאָנע! כאָנע! דערקענסט מיך נישט? איך בינ טויט,״ און איך זאָגט דיר: זאָל ער צעקוישט זיך מיט כאָנע...

— חערסטו, כאַנע, א שאָד די מאַמע, זי זאָל דיך זען!.. יעקל, בערל, זכאַריע, אַרױס פונ פּיעקאָליק! איך האָב אײַך באַלד דערקענט! קומט אַרױס, איך האָב געװוּסט, אַז איר װעט קומענ! א װעהאָרײַע, איך האָב אײַך מיטגעברענגט קעז, עמעסנ שאַפֿענעם קעז! זעט נאָר, קומט, קינדער! איר האָט דאָך עפּעס ליב זעלנעריש ברױט! װאָס? עפּשער נישט? עמעס א שאָד די מאַמענ!

און עס דאַכט זיך אים, אַז אַלע פיר קינדער האָבנ אים אַרומגע-רינגלט און האַלטנ אים און קושנ און דריקנ זיך צו אים צו.

— נאָר װאָלנע, קינדערלעך! װאָלנע, דריקט מיך נישט צו שטאַרק! איך בינ שױנ נישט קײנ יונגערמאַנ, איך בינ אַנ אַכציקער!.. װאָלנע, איר דרשעט מיך, װאָלנע, קינדערלעך... אַלטע בײנער! װאָלנע, איך האָב געלט איב קעשענע! מיר, באַרעכאשעם, געטרױט מענ געלט!.. גענוג, קינדערלעך, גענוג!..

און עס איז געװעזנ גענוג... ער איז פאַרבליבנ פאַרשטאַרט מיט דער האַנט אפ דער ברוסט-קעשענע.

באַנציע שווײַג

דאָ, אַף דער וועלט, האָט באַנציע שווײַגס טויט גאָר קיין אײַנדרוק נישט געמאַכט! פרעגט עמעצן בעכיירעם: ווער באַנציע איז געווען, וויאַזוי ער האָט געלעבט, אַף וואָס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אים'ן דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די קויכעס זײַנען אים אויסגעגאַנגען, צי דער מאַרכביין האָט זיך איבערגעבראָכן אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט? עפּשער איז ער גאָר פאַר הונגער געשטאָרבן!

אַ פערד אין טראַמווײַ זאָל פאַלן, וואָלט מען זיך מער אינטערעסירט. עס וואָלטן צײַטונגען געשריבן, הונדערטער מענטשן וואָלטן פון אַלע גאַסן געלאָפן און די נעווילע באַקוקט; באַטראַכט אַפילע דעם אָרט, וווּ די מאַפּאָלע איז געווען...

נאָר דאָס פערד אין טראַמווײַ וואָלט אויך די זכיע נישט געהאַט, עס זאָל זײַן אַזויפיל פערד ווי מענטשן — טויזנט מיליאָן!

באַנציע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן; ווי אַ שאָטן איז ער דורך — דורך אונדזער וועלט!

אַף באַנציעס ברים האָט מען קיין ווײַן נישט געטרונקען, עס האָבן קיין קויסעס געקלונגען! צו באַרמיצווע האָט ער קיין קלינגענדיקע דראָשע נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גרוי קליין קערנדל זאַמד באַם ברעג פון יאַם, צווישן מיליאָנען זײַנס־גלײַכן; און אַז דער ווינט האָט'ן אופגעהויבן און אַף דער אַנדערער זײַט יאַם אַריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער נישט באַמערקט!

באַם לעבן האָט די נאַסע בלאָטע קיין צייכן פון זײַן פוס נישט באַהאַלטן; נאָכן טויט — האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פון זײַן

קיִיווער אומגעוואָרפן; דעם קאַברענס ווייַב האָט עס געפונען ווייַט פון קיִיווער און דערבייַ א טעפל קאַרטאָפל אָפגעקאָכט. עס איז דרייַ טעג נאָך באַנציעס טויט, פרעגט דעם קאַברען בעכיִירעם, ווו ער האָט׳ן געלייגט!

וואָלט באַנציע א מאַצייווע געהאַט, וואָלט עפשער איבער הונדערט יאָר אַן אַלטערטומס-פאָרשער זי געפונען, און דער נאָמען „באַנציע שווייַג" וואָלט נאָכאַמאָל איבערגעקלונגען אין אונדזער לופט.

א שאָטן! זייַן פאָטאָגראַפיע איז נישט געבליבן בא קיינעם אין מויעך, בא קיינעם אין האַרצן; עס איז פון אים קיין זייכער געבליבן!

„קיין קינד, קיין רינד"; עלנט געלעבט — עלנט געשטאָרבן!

ווען נישט דאָס מענטשלעכע גערודער, וואָלט עפשער עמעצער אַמאָל דערהערט, ווי באַנציעס מאַרכבייִן האָט אונטער דער לאַסט גע־קנאַקט; וואָלט די וועלט מער צייַט געהאַט, וואָלט עמעצער עפשער אַמאָל באַמערקט, אַז באַנציע (א ו י ך א מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צווייִ אויסגעלאָשענע אויגן און שרעקלעך אייַנגעפאַלענע באַקן; אַז אַפילע ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אַף די פּלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלייַך ער וואָלט לעבעדיקערהייט זייַן קיִיווער געזוכט! וואָלטן אַזוי ווייניק מענטשן ווי פערד אין טראַמווייַ געווען, וואָלט עפשער אַמאָל עמעצער געפרעגט: ווו איז באַנציע אַהינגעקומען?!

ווען מע האָט באַנציען אין שפּיטאָל אַרייַנגעפירט, איז זייַן ווינקל אין סוטערינע נישט ליידיק געבליבן — עס האָבן דערויף צען זייַנס-גלייַכן געוואַרט, און צווישן זיך דעם ווינקל „אין פּלוס" ליציטירט; ווען מע האָט׳ן פון שפּיטאָל-בעט אין טויטן-שטיבל אַרייַנגעטראָגן, האָבן אַפן בעט צוואַנציק אָרעמע קראַנקע געוואַרט... ווען ער איז אַרויס פון טויטן־שטיבל — האָט מען צוואַנציק האָרוגים פון אונטער אַן אייַנגע־פאַלענעם הויז געבראַכט. — ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וועט רויִק ווויִנען אין קיִיווער? ווער ווייסט, וויפל עס וואַרטן שוין אַף דעם שטיקל פּלאַץ...

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטי־לער באַגראָבן...

נאָר נישט אזוי איז געווענ אפ יענער וועלט! דאָרטנ האָט באָנציעס טויט א גרויסנ אײַנדרוק געמאכט!

דער גרויסער שויפער פונ מאָשיעכס צײַטנ האָט געקלונגענ איג אלע זיבנ הימלענ: באָנציע שווײַג איז ניפטער געוואָרנ! די גרעסטע מאלאָכימ מיט די ברייטסטע פליגל זײַנענ געפלויגנ אונ אײנער האָט דעמ אנדערנ איבערגעגעבנ: באָנציע איז „ניסבאקעש געוואָרנ בעיע־שיווע־שעל־מײַלע!” אינ גאנײדנ איז א ראש, א סימכע, א גערודער: „באָנציע שווײַג! א שפאס — באָנציע שווײַג!!!”

יונגע מאלאָכימלעכ מיט ברילייאנטענע אייגעלעכ, גאָלדענע דראָט־ארבעטענע פליגעלעכ אונ זילבערנע פאנטאָפעלעכ זײַנענ באָנציען אקעגנ געפלויגנ מיט סימכע! דער גערויש פונ די פליגל, דאָס קלאפנ פונ די פאנטאָפעלעכ אונ דאָס פריילעכע לאכנ פונ די יונגע, פרישע, רויִקע מײַלעכלעכ האָט פארפולט אלע הימלענ אונ איז צוגעקומענ ביז צומ קיסיי־האקאָוועד, אונ גאָט אליינ האָט אויכ שוינ געוווסט, אז באָנציע שווײַג קומט!

אווראָהאָמ אָווינו האָט זיכ אינ טויער פונ הימל געשטעלט, די רעכטע האנט אויסגעשטרעקט צומ בריינ „שאָלעמ־אליינעמ!” אונ א זיסער שמייכל שײַנט אזוי העל אפ זײַנ אלטנ פאָנעמ!

וואָס רעדלעכ אזוי אינ הימל?

דאָס האָבנ צוויי מאלאָכימ אינ גאנײדנ פאר באָנציעס וועגנ א גינגאָלדענעמ פאָטערשטול אפ רעדלעכ געפירט!

וואָס האָט אזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מענ דורכגעפירט א גאָלדענע קרוינ מיט די טײַערסטע שטיינער געזעצט! אלצ פאר באָנציען!

— נאָכ פארנ פסאק פונ בעסדנ־שעל־מײַלע? — פרעגנ די צאדיקימ פארוווּנדערט אונ נישט גאָר אָנ קינע.

— אָ! — ענטפערנ די מאלאָכימ. — דאָס וועט זײַנ א פראָסטע פוס־טע פאָרמע! קעגנ באָנציע שווײַג וועט אפילע דער קאטייגער קיינ וואָרט אינ מויל נישט געפינענ! די „דיעלע” וועט דויערנ פינפ מינוט!

— איר שפילט זיכ מיט באָנציע שווײַג?

אז די מאלאָכימלעכ האָבנ באַנציעג געכאפט אינ דער לופט אונ אָפּגעשפּילט אימ א זעמער; אז אוראָהאָמ אָווינו האָט אימ ווי אנ אלמנ קאמעראד די האנט געשאָקלט; אז ער האָט געהערט, אז זײַנ שטול איז גרייט אינ גאַניידנ; אז אפ זײַנ קאָפּ ווארט א קרוינ; אז אינ בעסדנ-שעל-מײַלע וועט מענ איבער אימ קיינ איבעריק וואָרט נישט ריידנ — האָט באַנציע, גלײַכ ווי אפ יענער וועלט, געשוויגנ פאר שרעק! עס איז אימ דאָס הארצ אנטגאנגענ! ער איז זיכער, אז דאָס מוז זײַנ א כאָלעמ, אָדער א פראָסטער טאָעס!

ער איז צו ביידע געווינט! נישט איינ מאָל האָט זיכ אימ אפ יענער וועלט געכאָלעמט, אז ער קלײַבט געלט אפ דער פּאָדלאָגע, גאנ-צע אויצרעס ליגנ... אונ אופגעכאפּט האָט ער זיכ נאָכ א גרעסערער קאפּצנ ווי נעכטנ... נישט איינ מאָל האָט אימ עמעצ בעטאָעס צוגע-שמייכלט, א גוט וואָרט געזאָגט אונ איבערגעדרייט זיכ אונ אויסגעשפּיגנ...

— מײַנ מאזל — טראכט ער — איז שוינ אזוי!

אונ ער האָט מוירע די אויגנ אופצוהייבנ, דער כאָלעמ זאָל נישט פארשווינדנ; ער זאָל זיכ נישט אופכאפּנ ערגעצ אינ א הייל צווישנ שלאנגענ אונ עגדעשנ! ער האָט מוירע פונ מויל א קלאנג ארויסצו-לאָזנ, מיט א גליד א ריר צו טאָנ — מע זאָל אימ נישט דערקענענ אונ אוועקשלײַדערנ אפ קאפּעקאל...

ער ציטערט אונ הערט נישט די מאלאָכימס קאָמפּלימענטנ, זעט נישט זייער טאנצנ ארומ אימ, ער ענטפערט נישט אוראָהאָמ אָווינו אפנ הארצלעכנ „שאָלעמ-אליכעמ", אונ — געפירט צומ בעסדנ-שעל-מײַלע — זאָגט ער אימ קיינ „גוט-מאָרגנ" נישט...

אויסער זיכ איז ער פאר שרעק!

אונ זײַנ שרעק איז נאָכ גרעסער געוואָרנ, אז ער האָט, נישט ווילנדיק, דערזענ די פּאָדלאָגע פונ בעסדנ-שעל-מײַלע! סאמע אלעבאס-טער מיט בריליאנטנ! „אפ אזא פּאָדלאָגע שטייענ מײַנע פיס!" — ער ווערט אינגאנצנ פארשטארט! „ווער ווייסט, וועלכנ גווי', וועלכנ ראָוו, וועלכנ צאדיק מע מיינט... ער וועט קומענ — וועט זײַנ מײַנ פינצטערער סאָפ!"

פאר שרעק האָט ער אפילע נישט געהערט, ווי דער פּרעזעס האָט בעפּירעש אויסגערופן: „די דיעלע פון באָנציע שוויַיג!" און, דערלאַנגענדיק דעם מיליץ-יוישער די אקטן, געזאָגט: „לעז, נאָר בעקיצער!"

מיט באָנציען דרייט זיך דער גאנצער סאלאָן. עס רוישט אים אין די אויערן. אינעם גערויש הערט ער דאָך אלע מאָל שארפער און שארפער דעם מאלעך-מיליצס זיסן קאָל, ווי א פידל:

— זיַין נאָמען — הערט ער — האָט אים געפּאסט ווי צו א שלאנקן לייַב א קלייד פון אן ארטיסט א שנייַדערס האנט.

— וואָס רעדט ער? — פרעגט זיך באָנציע, און ער הערט, ווי אן אומגעדולדיקער קאָל האקט איבער און זאָגט:

— נאָר אָן מעשאָלים!

— ער האָט זיך קיינמאָל — הייבט וויַיטער אָן דער מיליץ-יוישער — אף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אף גאָט, נישט אף לייַט; אין זיַין אויג האָט קיינמאָל נישט אופגעפלאמט קיין פונק פון האס, ער האָט עס קיינמאָל נישט אופגעהויבן מיט א פרעטענזיע צום הימל.

באָנציע פארשטייט וויַיטער נישט א וואָרט, און דער הארטער קאָל שלאָגט וויַיטער איבער:

— אָן רעטאָריק!

— איעוו האָט נישט אויסגעהאלטן, ער איז אומגליקלעכער געוועזן — —

— פאקטן, טרוקענע פאקטן! — רופט נאָך אומגעדולדיקער דער פרעזעס.

— צו אכט טאָג האָט מען אים מאל געוועזן —

— נאָר אָן רעאליזם!

— א מויעל א פושער האָט דאָס בלוט נית פארהאלטן —

— וויַיטער!

— ער האָט אלץ געשוויגן — פירט וויַיטער דער מיליץ-יוישער, — אפילע ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט צו דרייַצן יאָר א שטיפמאמע באקומען... א שטיפמאמע א שלאנג, א מארשאס...

— מיינט מען דאָך עפשער פאָרט מיך? — טראכט באָנציע.

— אָנ אינטאָנאַציע אַפ דריטע פּערזאָנעג, — בייזערט זיכ דער פּרוזעס.
— זי פּלעגט אימ קאַרגנ דעמ ביסנ... אייערנעכטיק פאַרשימלט ברויט... האָר-פלאָקס פאַר פלייש... אונ זי האָט קאַווע מיט טמעטענע געטרונקענ —
— צו דער זאַכ! — שרייט דער פּרוזעס.
— זי האָט אימ פאַר דאָס קיינ נעגל נישט געקאָרגט, אונ זיינ ברויט אונ בלויער לייב פּלעגט אַרויסקוקנ דורכ אַלע לעכער פונ זיינע פאַרשימלט-צעריסענע קליידער... ווינטער אינ די גרעסטע פרעסט האָט ער איר באָרוועס אַפנ הויפ האָלצ געהאַקט, אונ די הענט זיינענ צו יונג אונ צו שוואַכ געווענ, די קלעצלעכ צו דיק, די האַק צו שטומפּיק... נישט איינ מאָל האָט ער זיכ די האַנט פונ די געלענקענ אויסגעריסנ, נישט איינ מאָל האָט ער זיכ די פיס אָפּגעפרוירנ, נאָר געשוויגנ האָט ער, אפילע זיכ פאַרנ פאָטער —
— פאַרנ שיקער! — לאַכט אַריינ דער קאַטיגער, אונ באָנטיע ווערט קאַלט אינ אַלע איברים.
— נישט געקלאָגט, — ענדיקט דער מיילינ-יושער דעמ זאַצ.
— אונ שטענדיק עלנט, — פירט ער ווייטער — קיינ כאַווער, קיינ טאַלמעטוירע, קיינ כיידער... קיינ גאַנצ בעגעד... קיינ פריינע מינוט —
— פאַקטנ! — רופט ווייטער דער פּרוזעס.
— ער האָט געשוויגנ אפילע שפּעטער, ווענ דער פאָטער האָט אינ שיקערהייט אמאָל אָנגעכאַפּט בא די האָר אונ איינמיטנ אינ שניי-געדי-קער ווינטער-נאַכט אַרויסגעוואָרפנ פונ שטוב! ער האָט זיכ שטיל אויפגעהויבנ פונ שניי אונ איז אַנטלאָפנ, ווו די אויגנ האָבנ אימ געטראָגנ...
אפנ גאַנצנ וועג האָט ער געשוויגנ... באַמ גרעסטנ הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגנ געבעטלט!
ערשט איינ א שווינדלענדיקער, נאָסער פרילינג-נאַכט איז ער אינ א גרויסע שטאָט אַריינגעקומענ; ער איז אַריינ ווי א טראָפּנ אינ א יאַמ, אונ דאָרט האָט ער די איינגענע נאַכט אינ אַרבעט פאַרבראַכט... ער האָט געשוויגנ, נישט געפרעגט פאַר וואָס, פאַר ווענ? ער איז אויס אונ די שווערסטע אַרבעט געזוכט! נאָר ער האָט געשוויגנ!
שווערער פאַר דער אַרבעט, איז געווענ זי צו געפינענ — ער האָט געשוויגנ!

באָדנדיק זיכ אינ קאַלטנ שווייס, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאַסט, בײַמ גרעסטנ קראַמפּ אינ ליידיקנ מאָגנ — האָט ער געשוויגנ!

באַשפּריצט פונ פרעמדער בלאָטע, באַשפּיגנ פונ פרעמדע מײַלער, געיאָגט פונ טראַנספּאָרט מיט דער שווערסטער לאַסט אַראָפּ אינ גאַסנ צווישנ דראָשקעס, קאַרעטנ אונ טראַמווײַעס, קוקנדיק יעדע מינוט דעמ טויט אינ די אויגנ אַרײַנ — האָט ער געשוויגנ!

ער האָט קיינמאָל נישט איבערגערעכנט, וויפל פוד לאַסט עס קומט אויס אויפ אַ גראָשנ, וויפל מאָל ער איז געפאַלנ בײַ יעדנ גאַנג פאַר אַ דרײַער, וויפל מאָל ער האָט שיר נישט די נשאָמע אויסגעשפּיגנ, מאָ-נענדיק זײַנ פאַרדינסט; ער האָט נישט גערעכנט, נישט זײַנ, נישט יענעמס מאַזל, נאָר געשוויגנ!

זײַנ אייגנ פאַרדינסט האָט ער אויכ נישט הויכ געמאָנט! ווי אַ בעטלער האָט ער זיכ בײַ דער טיר געשטעלט, אונ אינ די אויגנ האָט זיכ אַ הינטישע באַקאָשע געמאָלט! „קומ שפּעטער", אונ ער איז פאַר-שווונדנ שטיל, ווי אַ שאָטנ, קעדיי שפּעטער נאָכ שטילער אויסצובעטנ זײַנ פאַרדינסט!

ער האָט אַלע געשוויגנ, ווענ מע פלעגט אימ אָפּרײַסנ פונ זײַנ פאַרדינסט, אָדער אַרײַנוואַרפנ אַ פאַלשע מאַטבייע!..

ער האָט אַלצ געשוויגנ...

מיינט מענ דאָכ טאַקע מיכ! — טרייסט זיכ באָנציע.

— איינמאָל — פירט ווײַטער דער מײַליצ-יוישער נאָכ אַ טרונק וואַ-סער — איז אינ זײַנ לעבנ אַנ ענדערונג געשענ... עס איז דורכגעפלויגנ אַ קאָטש אַפ גומענע רעדער מיט צעפלאָשעטע פערד... דער שמײַסער איז שוינ לאַנג פונווײַטנס געלעגנ מיט אַ צעשפּאָלטענעמ קאָפּ אַפנ ברוק... פונ די דערשראָקענע פערדס מײַלער שפּריצט דער שוימ, פונ אונטער די פּאָדקאָוועס יאָגנ זיכ פונקענ, די אויגנ בלישטשענ, ווי ברענענדיקע שטורקאַצנ אינ אַ פינצטערער נאַכט — אונ אינ קאָטש זיצט נישט טויט, נישט לעבעדיק אַ מענטש!

און באָנציע האָט די פערד פאַרהאַלטן!

און דער גראַטעוועטער איז געווען אַ ייִד אַ באַלעבאָסקע און האָט באָנציען די טויווע נישט פאַרגעסן!

ער האָט אים דעם געהאַרגעטנס בײַטש איבערגעגעבן; באָנציע איז אַ שמײַסער געוואָרן! נאָך מער — ער האָט אים כאַסענע געמאַכט, נאָך מער — ער האָט אים אַפילע מיט אַ קינד פאַרזאָרגט —

און באָנציע האָט אַלץ געשוויגן!

— מיך מיינט מען, מיך! — באַפּעסטיקט זיך באָנציע אין דער דייע, און האָט דאָך נישט די האָזע אָן אויג צו וואַרפן אויפן „בעסדן-שעל-מײַלע"...

ער הערט זיך ווײַטער אײַן צום מאַלעך-מייליצ:

— ער האָט געשוויגן אַפילע, ווען זײַן באַלטויווע האָט אײַנקורצן באַנקראָטירט און אים זײַן לוין נישט באַצאָלט...

ער האָט געשוויגן אַפילע, ווען דאָס ווײַב איז פון אים אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט אים אַ קינד פון דער ברוסט...

ער האָט געשוויגן אַפילע מיט פופצן יאָר שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אויפגעוואַקסן און גענוג שטאַרק געווען — באָנציען אַרויסצוּוואַרפן פון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! — פרייט זיך באָנציע.

— ער האָט אַפילע געשוויגן, — הייבט אָן ווייכער און טרויעריקער דער מאַלעך-מייליץ, — ווען דער אייגענער באַלטויווע האָט זיך מיט אַלע אויסגעגלײַכט, נאָר אים קיין גראָשן סכירעס נישט צוריקגעגעבן — און אַפילע דעמאָלט, ווען ער איז באָנציען (ווײַטער פאָרנדיק אויף אַ קאָטש מיט גומענע רעדער און פערד ווי לייבן) איבערגעפאָרן...

ער האָט אַלץ געשוויגן! ער האָט אַפילע דער פּאָליציי נישט געזאָגט, ווער עס האָט אים צורעכט געמאַכט...

— ער האָט געשוויגן אַפילע אין שפּיטאָל, וווּ מע מעג שוין שרײַען!

ער האָט געשוויגן אבילע, ווען דיר דאָקטער האָט אָנ כומצנ קאָ-פעקעס נישט געוואָלט צוגיינ צו זיינ בעט, אונ דער וועכטער, אָנ פינפ קאָפעקעס — טוישנ אימ די וועש!

ער האָט געשוויגנ באמ גויסעסנ — ער האָט געשוויגנ באמ שטארבנ..

קיינ וואָרט קעגנ גאָט, קיינ וואָרט קעגנ לייט!

— דיקסי!

באָנציע הייבט אָנ וויטער צו ציטערנ אפנ גאנצנ לייב. ער ווייסט, אז נאָכנ מיילִיצ-יוישער גייט דער קאטייגער! ווער ווייסט, וואָס דער וועט זאָגנ! באָנציע אליינ האָט זיינ לעבנ נישט געדענקט. נאָכ אפ יע-נער וועלט האָט ער יעדע מינוט — די פריערדיקע פארגעסנ... דער מא-לעכ-מיילִיצ האָט אימ אלצ דערמאָנט... ווער ווייסט, וואָס דער קאטייגער וועט אימ דערמאָנענ!

— ראבוסיי! — הייבט אָנ א שארפ-שטעכנדיק ברייענדיקער קאָל. נאָר ער האקט אָפ.

— ראבוסיי! — הייבט ער נאָכאמאָל אָנ, נאָר ווייכער אונ האקט וויי-טער אָפ.

ענדלעכ הערט זיכ, פונ דעמ אייגענעמ האלדז ארויס, קימאט א ווייכער קאָל:

— ראבוסיי! ער האָט געשוויגנ! וועל איכ אויכ שווייגנ! —

עס ווערט שטיל — אונ פונ פאָרנט הערט זיכ א נייע ווייכע ציטער-דיקע שטימע:

— באָנציע, מיינ קינד באָנציע! — רופט זי אימ ווי א הארפע... — מיינ הארציק קינד באָנציע...

אינ באָנציענ צעוויינט זיכ דאָס הארצ... ער וואָלט שוינ אצינד די אויגנ געעפנט, נאָר זיי זיינענ פארפינצטערט פונ טרערנ... עס איז אימ אזוי זיס-וויינענדיק קיינמאָל נישט געווענ... „מיינ קינד", „מיינ באָנציע" — זינט די מוטער איז געשטאָרבנ, האָט ער אזא קאָל אונ אזוינע ווערטער נישט געהערט.

— מיינ קינד! — פירט וויטער דער פורבעסדנ. — דו האָסט אל:

געליטן און געשוויגן! עס איז נישטאָ קיין גאנץ גליד, קיין גאנץ ביינדל אין דײַן לײַב אָן א וווּנד, אָן א בלוטיקן אָרט, עס איז נישטאָ קיין איין באהאלטענער אָרט אין דײַן נעשאָמע, ווו עס זאָל נישט בלוטן... און דו האָסט אלץ געשוויגן...

דאָרט האָט מען זיך נישט פארשטאנען דערויף! דו אליין האָסט גאָר אפשר נישט געוווּסט, אז דו קאָנסט שרײַען און אז פון דײַן געשריי קאָנען יעריכוס מויערן ציטערן און אײַנפאלן! דו אליין האָסט פון דײַן פארשלאָפענעם קויעך נישט געוווּסט...

אויף יענער וועלט האָט מען דײַן שווײַגן נישט באלוינט. נאָר דאָרט איז דער אוילאָם-האשעקער, דאָ אויפן אוילאָם-האָעמעס וועסטו דײַן לוין באקומען!

דיך וועט דאָס בעסדן-שעל-מײַלע נישט מישפעטן, דיר וועט עס נישט פאסקענען.

דיר וועט עס קיין כיילעק נישט אויס- און נישט אָפּטיילן: נעם דיר, וואָס דו ווילסט! אלעס איז דײַן.

באָנציע הייבט דאָס ערשטע מאָל די אויגן אויף! ער ווערט ווי פארבלענדט פון דער ליכט פון אלע זײַטן! אלץ בלאנקט, אלץ בליש-טשעט, פון אלעם יאָגן שטראלן: פון די ווענט, פון די קיילים, פון די מאלאָכים, פון די דאיאָנים! סאמע ענגלען!

און ער לאָזט די מידע אויגן אראָפּ!

— טאקע? — פרעגט ער מעכופעק און פארשעמט.

— זיכער! — ענטפערט פעסט דער אָוו-בעסדן. — זיכער, זאָג איך דיר, אז אלץ איז דײַנס. אלץ אין הימל געהער צו דיר! קלײַב און נעם, וואָס דו ווילסט; דו נעמסט נאָר בא דיר אליין!

— טאקע? — פרעגט באָנציע נאָכאמאָל, נאָר שוין מיט א זיכערן קאָל.

— טאקע! טאקע! — ענטפערט מען אים אָפּ זיכער פון אלע זײַטן.

— נו, אויב אזוי, — שמייכלט באָנציע, — וויל איך טאקע אלע טאָג אינדערפרי א הייסע בולקע מיט פרישע פוטער!

דאיאָנים און מאלאָכים האָבן אראָפּגעלאָזט די קעפּ פארשעמט; דער קאטייגער האָט זיך צעלאכט.

דער טאָנעס

א ווינטער-נאכט! סאָרע זיצט באם „קאגאנעק" און שטאָפּט אן אלטן זאָק. די ארבעט מיט געפּרוירענע הענט גייט נישט זייער געשווינד; פאר קעלט זיינען איר אויך ברווין און בלוי געוואָרן די ליפּן, אָפּט לייגט זי אוועק די ארבעט און צעלויפט זיך איבער דער שטוב, צו דערוואַרעמען די געפּרוירענע פיס.

אין א בעט אף א גאָלן שטרוי-זאק שלאָפן פיר קינדער: אין יעדער זייט צו צוויי קעפּ, איבערגעדעקט אין דער מיט מיט עטלעכע אלטע קליידער.

וואָס אמאָל כאפּט זיך אוף אן אנדער קינד, עס הייבט זיך אוף אן אנדער קעפּל און רופט: עסן!

— ווארט, ווארט, קינדערלעך, — טרייסט זיי סאָרע, — אָט באלד וועט קומען דער טאטע, ברענגען וועטשערע; איך וועל אייך אלע אופוועקן!

— און ווארעמעס? — פרעגן די קינדער ווייענדיק. — מיר האָבן דאָך נאָך קיין ווארעמעס נישט געגעסן!

— ווארעמעס אויך!

זי גלייבט דאָך אליין נישט אין דעם, וואָס זי זאָגט; זי זוכט מיט די אויגן אין אלע זייטן, טאָמער וועט זיך נאָך עפּעס געפינען צו פארזעצן... נישטאָ!

ליידיקע, נאסע פיר ווענט! א צעשפּאָלטענער אויוון! אלץ איז נאס און קאלט!.. אפן קוימען שטייען א פּאָר צעבראָכענע טעפּ, אפן אויוון — אן אלט, אויסגעבויגן, בלעכן כאנעקע-לעמפּל; אין דער הייך, אין באלקן שטעקט א נאָגל — א זייגער פון א הענגל-לייכטער, צוויי ליידיקע בעטן און א קישן... גאָרנישט, גאָרנישט מער!

עס האָט לאַנג געדויערט, איידער די קינדער זײַנען רעכט אײַנגע־שלאָפֿן. סאָרע קוקט אױף זײ מיט הארצװייטעק, מיט ראַכמאָנעס, און טראָגט איבער די פּארוויינטע אויגן צו דער טיר. זי האָט דערהערט טריט; שווערע טריט אויף די טרעפּ אין דער טונקעלער אַרײַן; קאנען קלאפּן, דאָ אין דער רעכטער, דאָ אין דער לינקער זײַט וואַנט. א שטראל פון האָפענונג באלײַכט איר אײַנגעשרומפּן פּאָנעם. זי קלאפּט א פּאָר מאָל א פוס אָן א פוס, הייבט זיך שווער אויף און גייט צו צו דער טיר. זי עפֿנט, עס קומט אַרײַן א בלאסער, אײַנגעבויגענער ייִד מיט ליידיקע קאנען.

— נו? — פרעגט סאָרע שטיל.

ער שטעלט אוועק די קאַנען, לייגט אָפּ די יאָך, זיפֿצט אָפּ און ענטפערט נאָך שטילער:

— גאָרנישט! גאָרנישט! מע האָט מיר אין ערגעץ נישט באצאָלט... מאָרגן, זאָגט מען... יעדער זאָגט אלץ — מאָרגן... איבערמאָרגן... ראָש־כוידעש...

— די קינדער האָבן קימאט אין מויל נישט געהאט, — מאכט סאָרע, — כאָטש גוט — זײ שלאָפֿן... בידנע קינדער מײַנע! — זי קאָן זיך נישט אײַנהאלטן און הייבט אָן שטיל צו וויינען.

— וואָס וויינסטו, נאר!? — פרעגט דער מאַן.

— אך, מענדל, מענדל... די קינדער זײַנען א ז ו י הונגעריק!..

מיט גוואלד וויל זי אײַנהאַלטן די טרערן.

— און וואָס וועט זײַן אונדזער סאָף? — קלאָגט זי זיך. — מיט יעדן טאָג ווערט ערגער!

— ערגער? ניין, כאָרע! זינדיק נישט מיט די רייד! פאראיאָרן איז ערגער געווען, ערגער! אויך אָן ברויט און דערצו נאָך אָן א דירע! די קינדער האָבן זיך באטאָג געוואלגערט אין גאס, באנאכט — אין די הויפֿן... הײַנט כאָטש אין א שטרוי־זאַק, כאָטש אונטער א דאך!

סאָרע האָט זיך שטארקער צעוויינט.

זי האָט זיך דערמאָנט, אז דעמלט איז איר טאקע אינמיטן גאס א קינד אוועקגעקומען. עס האָט זיך פארקילט, הייזעריק געוואָרן און געשטאָרבן.

„און געשטאָרבנ ווי אינ וואַלד... נישט געווענ מיט וואָס צו ראַ-
טעווענ... משטיינס-געזאָגט (זיי צו לאַנגערע יאָר!) נישט אַפילע די שול
אײַנגעריסנ, נישט דאָס פעלד געמאָסטנ, קיינ אײַנהאָרע נישט אָפּגע-
שפּראָכנ... אַזוי, אויסגעגאַנגענ ווי א ליכט!"

און ער טרייסט זי.

— ווייַנ נישט, סאָרע, ווייַנ נישט.. זינדיק נישט פאַר גאָט!

— אַכ! ווענ וועט ער שוינ אָפּ אונדז ראַכמאָנעס האָבנ!

— האָב אָפּ דיר אַליינ ראַכמאָנעס, לאָז דיר נישט צו אַזוי צומ האַרצ! זע, ווי - דו זעעסט אויס! היינט צענ יאָר איז געווענ אונדזער כופע... קוק אָנ דײַנ פּאָנעמ... ווײַ און ווינד! דו ביסט דאָכ געווענ די שענסטע אינ שטאָט!

— און דו?! דו האָסט דאָכ געהייסנ, געדענקסט, מענדל גיבער... היינט ביסטו געבויגנ אײַנגעדרייט, קראַנק... ווײַל דו האַלטסט פאַר מיר בעסאָד?!

— אַכ, גאָט! גאָט! — רײַסט זיכ איר אַרויס א געשריי.

די קינדער כאַפּנ זיכ אויפ און בעטנ: עסנ, ברויט!

— כאָלילע! ווער עסט היינט? — האָט זיכ מענדל פּלוצלינג אָנגערופנ.

די קינדער זעצנ זיכ אויפ דערשראָקנ.

— היינט איז א טאָנעס, — זאָגט מענדל מיט א פינצטער פּאָנעמ.

עס האָט געדויערט א פּאָר מינוט, איידער די קינדער האָבנ פאַרשטאַנענ, וואָס מע רעדט צו זיי.

— וואָס פאַר א טאָנעס? וואָס פאַר א טאָנעס? — פרעגנ זיי, ווײַנענדיק.

און מענדל דערציילט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגנ, אַז היינט, נאָכ באַ שאַכרים, צו קריאַס-האַטוירע, איז אַראָפּגעפאַלנ די ספער-טוירע פונ שולכנ.

— דעריבער — זאָגט ער — האָט מענ אָפּ מאָרגנ אויסגערופנ א טאָנעס, אַפילע פאַר זויגנדיקע קינדער!

די קינדער שווײַגנ, און ער פירט ווייטער.

— אַזאַ טאָנעס ווי יאָמקיפּער, ווי טישעבאָוו; פונ היינט פאַרנאַכט אָנ! —

די פֿין קינדער שפּרינגען פֿלינק אַרויס פֿון בעט און הייבן אָן בּרוועס, אין די צעריסענע העמדלעך, צו טאַנצן איבער דער שטוב און צו רופֿן:

— מיר ווילן פּאַסטן! פּאַסטן!

מענדל פֿאַרשטעלט מיט די פּלייצעס דעם קאַזאַנעק, זיי זאָלן נישט זען, ווי די מוטער גיסט מיט טרערן.

— נו, גענוג! — באַרויקט ער די קינדער. — גענוג! אין אַ טאָגעס טאָר מען נישט טאַנצן... אימפּירצעשלעם, — סימכעסטוירע!

די קינדער זענען צוריק אין בעט אַרײַן.

פֿאַרגעסן דעם הונגער!

אַ מיידעלע הייבט אָן זינגען „אָווינו מעלעכו", „אפֿן הויכן באַרג"...

אַ קעלט לויפֿט מענדלען דורך אַלע גלידער...

— זינגען טאָר מען אויך נישט, — מאַכט ער מיט אַ פֿאַרשטיקטער שטימע.

די קינדער ווערן שטיל און שלאָפֿן אײַן, מיד פֿון טאַנצן און זינ-גען. אײנער דאָך, דער עלטערער, וועקט זיך נאָך און פֿרעגט:

— טאַטע, ווען ווער איך באַר-מיצווה?

— נאָך ווײַט, כאַימל, נאָך ווײַט... נאָך פֿיר יאָר, זאָלסט מיר לעבן און געזונט זײַן...

— דעמאָלט וועסטו מיר קויפֿן אַ פּאָר טפֿילין!

— חי דען?

— און אַ טפֿילין-זעקעלע?

— מינהאַסטאַם!

— און אַ סידורל?.. אַ קליינס מיט אַ גאָלדענעם שניט?

— מיט גאָטס הילף... בעט גאָט, כאַימל!

— דעמאָלט, וועל איך פּאַסטן אַלע תּעניתים!

— יאָ, יאָ, כאַימל... אַלע תּעניתים...

שטיל האָט ער צוגעגעבן:

— ריבוינעשעלוילעם, נאָר ניט אַזעלכע, ווי הײַנט!..

דער מעשוגענער באָטלענ

1

ער איז געלאָפנ אומ אונ אָפ באַטאָג איינער אליינ אינ בעסמעד-רעש אונ פלוצלינג זיכ אָפּגעשטעלט.

— ריבוינעשעלוילעמ, ווער בינ איכ?

— ווער בינ איכ?.. מע רופט מיכ: בערל כאַנציעס.. נו, בינ איכ דענ בערל כאַנציעס? בינ איכ דענ דער נאָמענ?— די שילד איז נאָכ ניט די קלייט! דאָס הויז, ווו דער ראָוו וווינט, הייסט: „פּאָד-קאַרפּיעמ" אונ איכ — בערל כאַנציעס!

אינ ציאַכנאָווקע קענ מענ מיכ: מע ווייסט, ווער בערל כאַנציעס איז; אָבער אינ אמעריקע? ווענ איינער, לעמאָשל, גיט אזוי ראַפּטאָמ א זאָג ארויס אינ אמעריקע, אינ בעסמעדרעש: „בערל כאַנציעס"... נו, וואָלט עמעצ געוווּסט, אז מע מיינט מיכ?

שיינע הויכע! דאָ איז עפּעס אנדערש, דאָ גיט יעדער א שמייכל, א שאָקל מיטנ קאָפּ, מאַכט אזוי א טנוע... „א באַקאַנטע זאַכ, בערל כאַנציעס"! איינער טראַכט: דער באָטלענ, דער צווייטער: — דער מע-שוגענער, דער דריטער: — ג'ווייס וואָס; דער פערטער וועט זיכ דערמאָ-נענ, אז איכ הייס גאָר פּשוטער בערל. — טויבעלע, עמעס, גיט א קרעכצ דערבײַ, ווײַל זי ווייסט, אז איכ בינ נעבעכ א יאָסעמ. אָבער אינ אמע-ריקע, ווו מע קענ ניט כאַנע די זיבערקע, אונ ווו מע ווייסט ניט, אז עס איז געווענ אָפּ דער וועלט א בערל כאַנקרענ, דער מאַמעס א בור-

דער, ווי מע ווייסט ניט, אז איכ בינ, וואָס מע רופט מיכ: א מעשו-גענער, א באטלענ, א יאָסעם אונ עפּעס גאָר א כאקרענ אויכ (איכ בינ, דאכט זיכ, געראָטנ אינ כעטער ארײַנ). וואָס פאר א רוישעם וואָלט דאָרט געמאכט: בערל כאנציעס?!

עפּעס ווייס איכ דאָכ יאָ, ווער איכ בינ? איכ אליינ זאָג דאָכ: א מעשוגענער, א באטלענ... נו, דאָס בינ איכ!

— בינ איכ דענ ניט מעשוגע? וועלכער מענטש שטעלט זיכ אנידער קלערנ, ווער ער איז! א מענטש איז א מענטש! איכ בינ א מענטש אונ הייס: בערל כאנציעס... וואָלט איכ געווענ א הויז, וואָלט איכ עפּעס געהייסנ: פּאָד-קארפּיעמ, — אנ ארעסטאנט — וואָלט איכ געהאט א לאטע אפ די אקסלענ אונ א נומער... וואָלט מײַנ טאטע, ניט די מאמע, געווענ דער פּאָרזאָרגער, דער „פּארנאָסע-געבער", ניט דער באט-לענ, וואָלט איכ געהייסנ „בערל שמעדלס". עס וואָלט אפילע שווער געווענ ארויסצוזאָגנ: „בערל שמעדלס", נאָר מע וואָלט שוינ געמוזט! אונ עפּעס וואָלט איכ דעריבער ווייניקער געווענ בא מענטשנ אינ די מײַלער — ווענ מײַנ נאָמענ זאָל זיכ ניט אזוי גלאטיק אראָפּקאָלערנ פונ דער צונג.

— אָבער, ווי איכ וואָלט געהייסנ — א מענטש בינ איכ...

א מענטש! נאָר א באטלענ דערצו... מאלע א מענטש בלײַבט א יאָסעם, נו, ווינט ער אינ בעסמעדרעש? קראנק בינ איכ עפּעס צו טאָנ? אינ שליכעס גיינ, האָלצ האקנ, א מעשאָרעס ווערנ אונ גיינ אָנגעטאָנ א בעגעד, ניט קרוע-בלוע, עסנ ברויט, ניט זײַנ ביז דרײַסיק יאָר יעשיווע-באָכער, עס זאָל מיר פעלנ צוויי טעג אינ דער וואָכ, אונ ארומדרייענ זיכ אלצ אונ קלערנ: ווער איכ בינ?!

איכ וואָלט כאָטש געוווּסט, ווער מײַנ קאפּאָטע איז; צינד, אָטער אויב איכ ווייס! — א שטיק בענדיט, א שטיק כאַימ, א שטיק יוינע, דרײַ פערטל פונ מיכט! א מאראָכע, טויבעלע קענ נייענ, אניט, וואָלט איכ געווענ אָדאָמ-נאקעט.

— איז דענ דאָס אליינ ניט קיינ שיגאָענ? אזא מינ באטלאָנעס, אזא מינ באטלאָנעס! גאָרנישט... שמערל, כאַימ, יוינע... עס האָט א

שיר, וויפל בעסמעדרעשניקעס איך האָב איבערגעלעבט!.. איינער איז שוין א סויכער, איינער—א טרעגער, איינער—א שענקער; א דײַגע, איינער איז שוין אן אלמען אפילע, שמערל האָט שוין דאָס דריטע ווײַב; נאָר אלע האָבן קינדער, געשעפטן, אסאָקים; גוט, שלעכט, נאָר פּארנומענע מענטשן, עסן ניט קיין טעג, זײַנען ניט קיין באטלאָנים... מענטשן! איך וויל אויך זײַן א מענטש!

— וואָס הייסט א מענטש?

— ווי איך בין א ייִד, איך בין קיין מענטש ניט!

— ווי איך בין א ייִד, איך בין א ייִד! עמעס, איך בין א ייִד, נאָר גאנץ ציאכנאָוועקע זײַנען אויך ייִדן און זײַנען ניט איך! אלעמײַ, איך בין א מאנספארשוין (כאָטש א קלאָג צו מײַן מאנספארשוין, א ווייטעק צו אים), נו... אלע מענטשן, וואָס זײַנען ניט קיין נעקייוועס, זײַנען מאנספארשוינען. אקלאל, זײַנען אלע בערל כאנציעס!

— ניין, ברודער בערל! נאר דיך ניט! דו ביסט א מאנספארשוין, דו ביסט א ייִד, עמעס; נאָר ניט דו ביסט דער מאנספארשוין, ניט דו ביסט דער ייִד!.. דו ביסט עפּעס אנדערש; דאָס אלץ איז נאָר א צולאָג, צוגעגעבענע זאכן; אָבער ניט דו אליין...

— איך רעד מיר אײַן, אז איך בין א באטלען, א מעשוגענער, א יאָסעם, אן אומגליקלעכער מאנספארשוין... נאָר באטלאָנים, מעשוגאָים, יעסוימים זײַנען דאָ א סאך, עפּשער אזוינע מאנספארשוינען ווי איך בין—וויניקער; נאָר דאָ איז א דײַגע, עפּשער אין אן אנדערער שטאָט, עפּשער אין אמעריקע, נו, זײַנען אלע איינס? כאסוועשאָלעם, יעדערער פאר זיך!..

— נו, ווער זשע בין איך, צו אלדי שווארצע יאָר!

— עס האָט געמוזט אין מיר ארײַן א דיבעק, עס מוז עמעצ זיצן און קלערן איבער מיר, און מיר דאכט זיך: איך אליין קלער! א וועהאָרײַע, ווען איך האָב קויעך (א גאנצע וואָך, אויסער מאָנטיק און דינסטיק), האָט יענער אפּ מיר קיין שליטע ניט; קלער איך וויניקער! און בעעמעס, די כקירע איז, אז קיין שום מענטש אין דער וועלט קאָן ניט איבערקלערן זיך אליין!—ווי הייסט, איך וויל מיך מאסיג זײַן?

איכ וויל מיכ ארויסרייַסנ פונ מיר ארויס, אוועקשטעלנ זיכ אָדער אימ אינ א זייַט, „ער״ זאָל קוקנ אפ מיר! איכ-ער זאָל קוקנ אפ ער-איכ!..

כא, כא, כא! ווי הייסט! זאָל איכ מיר נאָר בארעכענענ!.. עפּעס ווערט מיר ווארעמ אינ קאָפּ!..

(ער לויפט צו צומ קיִער, גיסט זיכ אָפּ מיט קאלט וואסער; שלעפּט ארויס פונ אונטערנ אויוונ א שמאטע אונ בינדט זיכ שטייַף ארומ דעמ שטערנ).

— צינד וועט עס גייכ. נאָכאמאָל!.. איכ וויל וויסנ, ווער איכ אליינ בינ...

— ווו זאָל איכ קוקנ, אראָפּ צי ארופ? רעכטס — צי לינקס?.. איכ בינ דאָכ אינ מ י ר. ווענ איכ, לעמאָשל, קריכ ארופ אפנ אָרנקוידעש, בינ איכ אינגאנצנ אויבנ; איכ וועל אונטנ גאָרניט איבערלאָזנ. לאָמיכ לויפנ אינ קעלער ארייַנ, וועל איכ זייַנ אינגאנצנ אונטנ... נו, אזוי ווי קענ איכ קוקנ אפ מיר?!

הייכע דאָמי?!

— וואָס דענ זיצט אינ מיר אונ קלערט פאר מיר?

— אונ עפּעס זיצט דאָכ פּאָרט... הא?..

— איכ ווייס דאָכ, אז ווענ עס זייַנענ געלעגנ בא דער שאמעסטע אומגעציילטע קיכלעכ אונ איכ האָב שוינ דרייַ טעג קיינ מייַכל ניט געהאט אינ מויל, האָב איכ גאנצ שטארק כיישעק געהאט אראָפּצושניפּנ א קיכל... נאָר איכ האָב געזאָגט: ניינ! מע טאָר ניט! ניט מייַנ... דערנאָכ האָב איכ געפונענ טויזנט טערוצימ... „די שאמעסטע האָט גענוג פארדינט אָנ מיר, זי מעג מיר געבנ א צולאָג״, „איכ זאָל זי בעטנ, וואָלט זי מיר אליינ געגעבנ״, „איכ וועל איר מיט גאָטס הילפ אמאָל באצאָלנ״... נאָר איכ האָב אלצ געזאָגט: „ניינ, מע טאָר ניט״... אונ עס איז געבליבנ — ניט!.. פריִער איז עס געגאנגענ איינס נאָכנ אנדערנ: מיר האָט זיכ געדאכט, אז איכ אליינ פרעג אונ איכ אליינ ענטפער, נאָר דערנאָכ, שפּעטער א ביסל, כאָטש טאָכ-קעדיי-דיבער, נאָר דערנאָכ איז עפּעס אנדערש געוואָרנ, עס איז געוואָרנ צוזאמענ: יאָ אונ ניינ, ניינ אונ יאָ אונ ווייַטער ניינ! עס איז געוואָרנ א מאכלויקעס, אונ

נישט איז געוואָרן, נית ווײַל איך האָב נית געוואָלט, אָדער דעם כיישעק פארלאָרן; ניין, נאָר די האַנט האָט זיך נית געקענט רירן; זי האָט נית געוווסט וועמען צו פאָלגן... א וועהאָרײַע, איך בין דערנאָך שטארק מיד געוועזן, טאקע ווי נאָך א גרויסער מאכלויקע, ווי נאָך א הייסן וויקועך מיט יוינגע לאָקש, וואָס וויל מיר אלץ אײַנריידן, אז דער גאָען, זיכרוינע-ליוורעכאָ, זיצט אין גאנײדן מיט א פאראָצטער באָרד, ווײַל ער האָט נית געהאַלטן פון כסידעס!

— אזא פערד!.. נאָר מיד בין איך געוועזן; איך דערמאָן מיך גאנץ זיכער, זיכער! דאָס אייגענע איז געוועזן פורים, ווען איך האָב געטראָגן פון פערעץ פײַנהאָלץ, פון גוויר, דעם ראָוו, שאַלאכמאָנעס. איך האָב געהאט א פול מויל מיט וואסער, די צונג איז מיר ארומגעלאָפן אין מויל ווי מעשוגע, ווי איך לויף אצינד ארום אין בעסמעדרעש. די הענט האָבן מיר געציטערט! א שטיק טאָרט, מאקאראָנען, עפּעס נאָך עטלעכע מינים... איך, נאשער, האָב געוואָלט, איך, ערלעכער מאַן, האָב נית געוואָלט!..

— מע זאָגט: „יעיצערטאָוו”, זאָל זײַן אזוי! אָבער סײַוויסײַ בין איך דאָך נאָר א דירע, ווו עס וווינען צוויי שכיינים, איינער הייסט: יעיצערטאָוו, דער צווייטער — יעיצערהאָרע. נית אזוי? ווײַטער די מײַסע מיט די נעמען... אָבער ווער זײַנען זיי? ווער בין איך?!

— איך בין א דירע, איך בין אי דער גוטער שאָכן, אי דער שלעכטער שאָכן. אלץ איך, און דערצו וויל איך וויסן, ווער איך בין?! כא, כא, כא! — שא! נעכטן ערשט, דער אוילעם האָט געלאכט, וואָס איך בין געבליבן שטיין אפּ איין אָרט עפּשער א שאָ! איך ווייס, וואָס איך בין געשטאנען! איך האָב נית געקענט גיין: מע האָט געהאקט האָלץ אפן שול-הויף, האָב איך געוואָלט גיין פּרוּוון, צי איך קען א שײַט האָלץ צעהאקן, צי קען איך ארבעטן... איך האָב שוין אָנגעהויבן גיין; שטייען צוויי בענק: אין דער זײַט א באנק, אין יענער זײַט א באנק. דאָ דערציילט מען, אז מע הייצט אין באָד, הייבט מיר אָן בײַסן דאָס גאנצע לײַב און איך וויל צוגיין צום קעסטל, ארויסשלעפּן דאָס בעזעמל און גיין אין באָד ארײַן.. קעגניבער האָט זאָרעך

מעלאמעד דערציילט יענקל קעשלען, אז אינ „באל־אקיידע” איז דאָ אפּ דער היינטיקער סעודע א פּילע-פּלאָימדיקער דרוש! וויל איכ וויסנ, וואָס זאָרעכ מעלאמעד איז געמעלנ, צולויפנ צו דער מיזרעכ-וואנט אונ גראָפּכאפּנ דאָס סייפער... נו, בינ איכ טאקע געשטאנענ! די פּיס האָבנ ניט געוווסט וועמענ צו פאָלגנ: צי דעמ בערל כאנציעס, וואָס וויל גיינ האָלצ האקנ, צי דעמ בערל כאנציעס, וואָס וויל גיינ אינ באָד גריינ, ווייל עס בייסט אימ, צי דעמ בערל כאנציעס, וואָס וויל וויסנ, וואָס זאָרעכ מעלאמעד איז געפּעלנ!.. איכ בינ טאקע אזוי לאנג גע-שטאנענ, ביז איכ האָב מיכ דערמאָנט, אז איכ האָב נאָכ קיינ מינכע ניט געדאווגט!

— נו, אלקיינ? ווינענ אינ מיר שוינ פיר פּארשוינ! א האָלצ-העקער, א באל-אקיידעניק, א בעדער אונ דער לעצטער — א מינכע-דאווגער, וועלכער האָט אלע ארונטערגעיאָגט אונטערנ אויווג, זיי זאָלנ קיינ פּיפּס ניט געבנ, נאָר ער האָט צו שאפנ, אונ די פּיס מוזנ אימ פאָלגנ. א וועהאָריע, בינ איכ טאקע צוגעגאנגענ צו דער וואנט אונ האָב געדאווגט!

א שטיקל עמעס שטעקט דערינענ... וואָרעמ זיי זיינענ ניט פּאר-לאָרנ געוואָרנ; זיי האָבנ זיכ נאָר באהאלטנ אונטערנ אויווג, זיי האָבנ פונ דאָרטנ ארויסגעקוקט. זיי האָבנ געווונקענ צו מיר, אונ האָבנ מיכ מעוואטל געוועזנ! אינמיטנ שמוינעסרע האָב איכ אלצ אינ זינענ גע-האט: האָלצ האקנ, שמייסנ זיכ אפּ דער העכסטער באנק אינ באָד, אונ דעמ באל־אקיידעס דראָשעס אויכ!

— נו, אקלאל? וואָס העלפט דער יעיצערטאָוו מיטנ יעיצערהאָרע, אז איכ בינ אמאָל דריי, אונ אמאָל פיר!

— אָט צינד פיל איכ, אז „איכ” אליינ בינ עפּעס א גאָרניט! איכ אליינ וואָלט גאָר ניט געלעבט. איכ אליינ, ווענ איכ לעב אפּילע, וואָלט איכ מיכ אינדערפרי אפּילע פונ דער באנק ניט אופגעהויבנ. איכ וואָלט געלעגנ ווי א גוילעמ אד סאָפּ קאָל האדוירעס... איכ בינ טאקע א גוי-לעמ, איכ האָב גאָר קיינ נעשאָמע ניט; וואָס דענ? אלצ ארומ לעבט, אלצ ארומ האָט נעשאָמעס, די נעשאָמעס זייערע לאָזנ ארויס פונ זיכ

אזוינע לאנגע, דינע, שפּיציקע פּעדעמלעכ, אזוינע שטראלנ, אונ זיי כאפּנ זיכ אונ טשעפּענ זיכ אינ מיר, קריכנ אינ מיר ארײַנ, רירנ מיכ, שטעלנ מיכ אפ די פיס, הייסנ מיר גיינ, טאָנ, לויפנ... אָבער איכ אלײנ בינ גאָרניט!

וועד דענ פּאָרט קלערט? הא? ווער זיצט אינ מיר אונ קלערט?.. ווײַטער א פרעמדער? נ־ימ איכ?

— נו, זאָל זײַנ א פרעמדער! ווער איז ער? ווי קומט ער צו מ־יר? צי בינ איכ א שטײַג אונ ער — א פייגעלע?.. דאָוויד האמעלעכ, אָלעוואשקאָ־לעמ, זאָגט: יוינאָסי, הייסט עס מײַנ טײַבעלע! — וויל דאָס טײַבעלע האָלצ האקנ, אינ באָד ארײַנ גיינ, אראָפּגאנווענענ פונ שא־לאכמאָנעס, אוועקשניפּנ א קיכל בא דער שאמעסטע, אונ טאָכ־קעדיי־דיבער זענ דעמ באל־אקיידעס דראָשע?.. פו, טײַבעלע, ניט שיינ! ביס־טו עס, מעגסטו זיכ שעמענ!

— כא! כא! בערל כאנציעס איז א טײַבעלע, א פייגעלע; בערל כאנציעס האָט א קליינ פּיסקעלע מיט פליגעלעכ, בערל כאנציעס וועט אמאָל ארויספליִענ פונ דער שטײַג...

— נו, בערל כאנציעס, דעמלט וועסטו אויכ קלערנ, ווער דו ביסט? אויכ זײַנ א יאָסעמ, אויכ זײַנ א באטלענ, אויכ זײַנ מעשוגע?

אוואדע! ווער דענ? די שטײַג איז מעשוגע! די שטײַג איז א יאָסעמ?

— ריבוינעשעלוילעמ! ווער בינ איכ פּאָרט?

2

עס קומט אינ בעסמעדרעש ארײַנ וואָלפּ סויכער.

בערל כאנציעס דערזעט אימ אונ אנטלויפט אינ א זײַט. וואָלפּ סויכער וואשט די הענט, ווישט אָפּ אינ דער פּאָלע, נעמט ארויס פונ דער שאנק א סייפער אונ זעצט זיכ ארײַנקוקנ. בערל כאנציעס לאָזט פונ אימ קיינ אויג ניט אראָפּ...

— ווער איז ער? — פרעגט ער זיכ אונ ענטפערט זיכ באלד:

— וואָלפ סויכער! — ער גיט זיכ דערבײַ א שטארקנ קניפ אינ באק ארײַנ...

— בעהיימע! כאמויר! וואָלפ סויכער איז אזוי ווי בערל כאנציעס! אזוי הייסט ער; נאָר ווער איז ער?.. צי איז ער איינער, צוויי, צי דרײַ? וויפל פייגעלעכ פישטשענ אינ זײַנ שטײַג, פארשטייסטו, וואָטעק!?

ער האָט זיכ נאָכ שטײַפער צוגעצויגנ דעמ קאָפ.

— לאָמיכ קלערנ...

— אצינד איז ער איינער. איינ וואָלפ סויכער... ער זיצט אונ לערנט! פארטיפט, ער זעט מיכ ניט. ער לערנט, אוואדע, נעדאָרימ, זײַנ פיירעק, מער קענ ער ניט... אצינד איז א קוינעכ, קוינאָמ, קוינעס... אצינד איז ער א „לאָשנ שעבאָדו כאכאָמימ", אצינד ווייס איכ, וואָס ער איז, א פיירעק נעדאָרימ... דערנאָכ? דערנאָכ וועט וואָלפ סויכער אראָפגיינ אינ גאס ארײַנ, וועגנ טווע אפ א פאלשער וואָג, אפנארנ גאנצ קרוינ-פוילנ אונ אהיימ גיינ געבנ דעמ ווײַב, דער אָרעמער, דערשלאָגענער טויבע, צוועלפ פעטש מיט פיר דזאָכ! זעסט דאָס לעמעלע, בערל כאנציעס! זעסט דאָס שעפעלע, זעסט, ווי עס קנײטשט אײַנ דעמ שטערנ, זעסט די פרומע אייגעלעכ, זעסט, זעסט! אונ דו שויטע, דו בערל כאנציעס, דו כאמויר, ווילסט מיר אײַנריידנ, אז דאָס איז דער אייגענער גאנעוו פונ גאס, דער אייגענער רויצייעכ פונ דער היימ? ניינ, בערל כאנציעס! מיר וועסטו דאָס ניט אײַנריידנ! ניינ, ניינ! — ניט אזוי קוקט א גאנעוו, ניט אזוי זעט אויס א רויצייעכ!.. שויטע!..

— איכ זאָג דיר, בערל כאנציעס, אז עס זײַנענ דאָ דרײַ וואָלפ סויכערס... איינער איז א לעמעלע, א פרומ לעמעלע, וואָס זיצט אונ לערנט נעדאָרימ אונ וועט אפ יענער וועלט אויכ לערנענ נעדאָרימ, אונ טאקע מיטנ ריבוינעשעלוילעמס פיירעש... דער צווייטער — איז א גאנעוו אונ וועט דאָרטנ אויכ כאפנ פונ די טעלער; דער דריטער — איז א רויצייעכ, וואָס הארגעט דאָס ווײַב מאקעס רעצעכ...

— א ראכמאָנעס אפ איר!.. עס שנײַדט מיכ באמ הארצ, אָפט

כאָלעמט זי זיך מיר... זי בעט מיך אמאָל, באנאכט אין שלאָפּ, איך זאָל איר העלפן... דאָס הייסט: זי בעט ניט מיטן מויל, זי רעדט ניט, כאס-וועשאָלעם, א יידישע טאָכטער רעדט ניט מיט א מאנספּארשוין... נאָר זי קוקט אויף מיר מיט אזא... מיט עפּעס אזא... מין קוק...

— ריבוינעשעלוילעם! קוקן מעג זי דאָך! זי מעג קוקן אויף א מאנספּארשוין!..

— כא, כא, כא! איך א מאנספּארשוין... וואָלף סויכער איז א מאנספּארשוין, פילן זאָל ער, וואָלף סויכער! איך בין אים א סוינע אויף לעבן. איך האָב בא אים א טאָג; נאָר א סוינע בין איך אים! סינאס כינאָם טאקע, נאָר א סוינע... איך וואָלט אים געשטאָכן! יאָ!.. נאָר ניט דעם וואָלף סויכער, וואָס זיצט אונ לערנט, אפילע דעם גא-נעוו ניט, נאָר דעם רויצייעך! אים וואָלט איך געשטאָכן... איך אליין קען ניט, איך אליין האָב ניט צו שאפן, איך בין נאָר א שטײַגל... איך האָב אפילע א קניפּיק, א שארפן קניפּיק, גאָר א שארפן, מע קען מיט אים נעגל שנײַדן, א קאָפּ גאָלן...

— איך מאך מיר אפילע קיין לאמטערן ניט, ווײַל עס איז מיר א שאָד דער קניפּיק, ער זאָל ניט שטומפּיק ווערן...

דאָך איך אליין קען ניט... מע דארף, עס זאָל מיר עמעצ הייסן; עפּעס א באסקאָל, עפּעס איינער, אפילע זאָרעך מעלאמעד! זאָל ער אליין מיר הייסן! ווער שמועסט, ווען זי זאָגט מיר, אזוי שטיל, בא-נאכט אין כאָלעם; נאָר זי וועט ניט זאָגן, א יידישע טאָכטער וועט ניט זאָגן. כאסוועשאָלעם! איך וואָלט זי פײַנט געהאט, זי זאָל מיט מיר ריידן.

— אזוי איז בעסער, קוקן זאָל זי, אונ שטענדיק, אונ א גאנצע נאכט; באטאָג קען נאָך עמעצ דערזען, כאסוועשאָלעם! עס איז גענוג יעדע נאכט...

— אָ, ווי שיין וואָלט עס געווען! איך וואָלט ארויסגענומען דעם קניפּיק, איבערגעגאנגען די כאַליאווע, איין מאָל, צוויי מאָל, דרײַ מאָל, אונ בוך!..

— כא, כא, כא! עס וואָלטן ארויסגעלאָפן געדערים אונ געדערים-לעך. כא, כא, כא! אונ בלוט, רויט בלוט... כא, כא, כא!

— ניינ. וואָלפ סויכער, נעדאָרימ-לערנער, ניט דיך מיינ איך! יענעמ, יענעמ, דעמ רויצייעך... נאָר ניט דיך!

— הערסט, בערל כאנציעס, ווענ דו ביסט א מענטש, ווענ דו ביסט ניט קיינ יאָטעמ, קיינ באטלענ, קיינ מעשוגענער, קיינ כאקרענ, וואָלט שוינ אלצ גוט געווענ... טײַבעלע וואָלט אפילע געווינט, זי וואָלט דאָך געוואָרנ אנ אלמאָנע, נאָר איך וואָלט איר אינ כאָלעמ געזאָגט: טײַבעלע, גענוג, דו האָסט צוויי מאנענ, איינער גאנוועט, דער צווייטער זיצט אונ לערנט, וואָס טויג דער דריטער, ווילסט דאפקע דרײַ? דאפקע מע זאָל דיך, טײַבעלע, שלאָגנ. דאפקע דו זאָלסט ווײַנענ גאנצע טעג אונ גאנצע נעכט...

— אונ עפשער איז ער פאָרט נאָר איינער?..

— בערל כאנציעס! דרײַ זײַנענ זיי, לאָמיר זיך וועטנ. קומ אומישנע, ווײַל ער זיצט דאָ אונ לערנט, קומ אינ גאס ארײַנ, וועסטו זענ, ווי יענער גאנוועט דערווײַל אינ גאס... דערנאָך ווי ער שלאָגט, קומ! וועסט זענ!..

ער הייבט זיך אויפ, לויפט אפ די נעגל צו דער טיר, שלעפט ארויס דעמ שליסל אונ פארמאכט פונ יענער זײַט...

3

ער קומט צוריק, בלאס אונ אינ קאס...

— זיי האָבנ זיך באהאלטנ, די גאנאָווימ! וואָס האָבנ זיי צו טאָנ? עס איז הײַנט ניט קיינ טאָג! עפעס א יאָמטעוו, עס הענגענ פענער, מע קענ ניט גאנווענענ... טײַבעלע איז ניט אינ דער היימ... זי האָט געמוזט גיינ צו א שכיינע. די טיר איז צו... זיי האָבנ זיך עפשער ביידע באהאלטנ! איך האָב ארײַנגעקוקט דורכנ פענצטער. אונטערנ בעט, האָט זיך מיר געדאכט, רירט זיך עפעס, אפ דער פאָדלאָגע האָט זיך דער שאָטנ געהוידעט, געוואָרפנ, געצאפלט! א קאשע אפ א מײַסע, ער זיצט דאָ אונ לערנט, אונ זיי ליגנ אונטער די בעטנ... ווו דענ זאָלנ זיי ליגנ! —

— און וואָלף סויכער, דער טאַם, דער נעדאָרים-לערנער, ה...
אפילע ניט געהערט, אַז איך האָב אוף- און צוגעשלאָסן די טיר! ע...
איז אזוי פארטיפט אין לערנען!

— און עפשער לערנט ער גאָר ניט? עפשער זיצט דאָ דער גא...
נעוו און וויל אָפּנארן מיך מיטן ריבוינעשעלוילעם?

— וואָלף! — רופט ער אים פלוצלינג.

— וואָס איז?

— גאָרניט!

— באטלען! —

אין א מינוט שפּעטער:

— וואָלף!

— וואָס איז?

— איך האָב א קניפּיקל!

— וויל דיר!

— ווילסט זען?

— ניין!

— דארף מען ניט!

אין א פּאָר מינוט ארום:

— וואָלף!

— וואָס?

— דו לערנסט, צי דו מאכסט נאָר אזוי?

— וואָס גייט עס דיך אָן?

— איך דארף נייטיק צו וויסן, כ'לעבן, נייטיק!..

— שטיל, מעשוגע!

אין נאָך א פּאָר מינוט:

— וואָלף!

— וואָס איז?

— וויפל ביסטו?

וואָלף סויכער ווערט בייז, מאכט צו די געמאָרע און גייט אר...ס
פון בעסמעדרעש; בערל כאנציעס בלייבט אליין.

— צי האָב איך גערעדט מיט וואָלפֿן? און וואָס האָב איך מיט אים אזוינס גערעדט? וואָס איז ער אנטלאָפֿן? ווי בין איך ארויסגעגאנגען? הא? וואָס טוט בא מיר אין האנט דאָס קניפּיקל?

ער ווונדערט זיך שטארק, און נאָך מער, ביפֿראַט אז ער דערזעט, אז ער האָט זיך דורכגעשניטן די כאָלעווע. ער ווערט בייז.

— בערל באטלען! דו אליין האָסט צעשניטן דיין כאָלעווע! דו האָסט אנדערע כאָלעוועס? טײַבעלע וועט דיר ווײַטער שענקען א פּאָר שטיוול? זי האָט ווייניק געלייזט פאר יענע שטיוול! זעסטו, בטלען, זעסטו, משוגע, זעסט, עס איז עפּעס אין דיר און ניט דו! זעסט?

— לאָמיך נאָר אליין זען, ווי דו זעסט אויס, כאמויר, וואָס לאָזט זיך די שטיוול צעשנײַדן! לאָמיך דיך אָנקוקן, באטלען!

ער לויפֿט צום קיִער, כאפּט די שמאטע אראָפּ פֿון קאָפּ און הייבט אָן רײַבן און פּוצן דאָס מעש.

— איך זע דיך שוין א ביסל, באטלען, — ווארט, ווארט, איך וועל דיך נאָך בעסער זען. איך וועל דײַן גאנץ טרייפֿע פּארצעף זען, דײַן כאמויר-קאָפּ!..

ער לאָזט זיך אראָפּ אפֿ דער קני און רײַבט מיטן גאנצן קויעך. ער בלײַבט דאָך פּלוצלינג שטיין.

— ווער פּוצט דעם קיִער? ווער? איך? איך האָב קויעך? איך האָב דען הײַנט געגעסן, נעכטן געגעסן? וואָס איז הײַנט? דינסטיק! מאָנטיק און דינסטיק האָב איך דאָך ניט קיין טעג. ווער רײַבט?!..

ער האָט זיך צוריק צוגעכאפּט צו דער ארבעט.

— זאָל רײַבן ווער עס וויל, איך, צי דער פֿויגל, צי די טויב, דער יעיצערהאָרע, צי דער יעיצערטאָוו, נאָר דײַן באטלאָניש טרייפֿע פּארצעף מוז איך זען! באלד, באלד! און אפּאמאָל!

ער פֿארמאכט די אויגן און רײַבט ווײַטער א ווײַלע מיט קויעך. דערנאָך עפֿנט ער די אויגן און דערזעט זיך.

— כא, כא, כא! אזוי זע איך אויס, א מעס, א דיינער מעס! צו נעמען אפֿ דער טארע-ברעט, צו לייגן שערבלעך אפֿ די אויגן!

— זעסט, טײַבעלע, ווי איך זע אויס! זעסט! און אזוי זע איך אויס, ווען דו דערלאנגסט מיר אלע מאָל א שטיקל ברויט... אניט, ווי וואָלט איך נאָך אויסגעזען? —

ער פארטראכט זיך און דערמאָנט זיך ווײַטער.

— א מעס! דאָס בין איך, יאָ, יאָ! דאָס איז בערל באטלען, בערל יאָסעמ, בערל מעשוגע! אָט דאָס! דאָס! און ווער בין איך פאָרט?

ער קוקט אפּן קיער און קוקט אפּ זיך.

דאָרטן זעט מען ניט די צעריסענע כאָלעוועס! וווּנדערט ער זיך און ווערט בייז.

— א מאקע דיר! — שרײַט ער פלוצלינג אויס. — א מאקע דיר, דו קיער־מענטש! דו דארפסט אויך האָבן צעריסענע כאָלעוועס! אז איך האָב, דארפסטו אויך האָבן!

ער האָט זיך אראָפּגעלאָזן מער אפּ דער פאָדלאָגע, אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אפּ דער ערד און אריַנגעשטופּט די פיס אין קיער.

— איך זע ניט, נאָר דו האָסט, דו האָסט צעריסענע כאָלעוועס! זעסט!..— אופצוהייבן זיך איז אים שוין שווער. עס האָט זיך אים געדאכט, אז דער מענטש אינעם קיער האלט אים צו בא די פיס; ער האָט זיי דאָך אָפּגעריסן, אופגעהויבן זיך, א ביסל פארווונדערט, א ביסל דערשראָקן.

— קיער־מענטש! באטלען! — האָט ער זיך גערייצט און פאָרט מוידע געהאט צו קוקן אין קיער ארײַן. ער איז צוגעלאָפן צום אויוון, אָנגענומען אפּ די הענט קאלך און פארשמירט דעם קיער.

— ליג דאָרט אין דער קרענק, קוק ניט ארויס!

דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן שטארק ווי טאָן און די פיס האָבן אים געבראָכן, ער האָט זיך ווײַטער פארטראכט.

— לאָמיך נאָר עפּעס דערמאָנען...

— אצינד טוט מיר ווי דער קאָפּ... אז דער רויטער שלאָגט טײַבעלען, טוט מיר ווי דאָס הארץ... עס ברעכן מיר די פיס. אז איך גיב מיר א קניפּ אין באק, פלאמט מיר די באק, ווײַל איך האָב א

באַק, איך האָב הענט און פיס, איך האָב אַ קאָפּ מיט אַ האַרץ און היב עפשער א נעשאָמע אויך — אלץ האָב איך, נאָר וואָס בין איך אַליין? ניט די באַק, די פיס, ניט דאָס האַרץ, ניט דער קאָפּ, ניט די נעשאָמע. וואָס דען? גאָרניט...

— איך זאָל מיך קאָנען מעאבעד אצמוי לאָדאאס זײַן, און אַליין זען, וואָס עס וועט זײַן, וואָס עס וועט בלײַבן, אַז עס וועט אוועק-פאַלן דער קאָפּ, די הענט, די פיס, די בעק, די צעריסענע כאָלעוועס... דעמלט וואָלט איך עכער עפּעס געוווסט? צי וואָלט ניט אַ יושער געוועזן צו פרווון...

— ווען זי זאָל נאָר הייסן! עפשער וואָלט איך עס בײַ איר גע-פירט.

דאָס שטרײַמל

אלײנ בינ איכ א קירזשנער, נאָר דעריקער—א שטרײַמל-מאכער. עמעס איז, אז דאָס ראָוו פּארנאָסע האָב איכ פונ פויערשע סערמענגעס אונ טרעגער-פעלצלעכ.

עס פאלט אויכ אמאָל ארײַנ לײבל מילנער מיטנ שאָפּנ-פּעלצ...

עמעס איז, אז א שטרײַמל טרעפט זיכ זעלטנ, זײער זעלטנ, וואָרעמ — ווער טראָגט הײַנט א שטרײַמל? א ראָו! אונ א שטרײַמל לעבט אימ שטענדיק איבער...

אויכ איז עמעס, אז ווענ עס טרעפט זיכ שוינ א שטרײַמל, מאכ איכ עס ערשט אומזיסט, אָדער האַלב אומזיסט. לעכאָלאפּאָכעס — לײג איכ מײַנ ארבעט צו. דאָס אלצ בינ איכ מודע, אונ דאָכ בינ איכ דעריקער א שטרײַמל-מאכער, ווײַל א שטרײַמל האָב איכ ליב צו מאכנ!

אז עס קומט מיר אינ די הענט ארײַנ, איז „אכריי בלויסי" — פיל איכ ערשט, וואָס איכ בינ אונ וואָס איכ קאָנ!

פונ וואָס דענ — זאָגט אלײנ — זאָל איכ האנאָע האָבנ?

איכ פלעג אמאָל נאכעס האָבנ פונ פויערשע סערמענגעס...

ערשטנס: פארוואָס ניט?

צווײטנס: האָב איכ מיר געטראכט: „דאָס פויערל גיט אונדז ברויט, ער ארבעט זומער, אזוי שווער אונ ביטער, אונ איכ קאָנ אימ ניט שיצנ פאר דער זונ, וועל איכ כאָטש ווינטער, ווענ ער רוט, אימ אָפּהיטנ פונ קעלט!"

אונ דריטנס, האָב איכ געהאט א פײַנ לידעלע דערצו:

א יונגערמאַנ בינ איכ געווענ, א קאָל האָב איכ געהאַט ווי א גלאָק, אונ איכ פלעג נייענ אונ זינגענ:

„שטעכ, נאָדל, שטעכ,
„א לעדער ווי א בלעכ,
„א פוטער ווי א באָרשט!
„ס'מאַכט זיכ א סערמענגע פײַנ,
„ס'וועט דעמ פויערל ווארעמ זײַנ...
„מיריעמ־לעב, מיכ דאָרשט!"

אונ אזוי ווײַטער! נאָכ עטלעכע סטראָפעס... אונ דאָס גאַנצע לידל, פאַרשטייט זיכ, איז נאָר געמאַכט געוואָרנ פאַרנ „מײַמער-האמוט-גערס" וועגנ, עס זאָל אויסקומענ דער — „מיריעמ־לעב, מיכ דאָרשט!"

ווײַל איר מוזט וויסנ, אז די הײַנטיקע אישע צנוע מאַראַס מיריעמ-דוואָשע איז דעמאָלט נאָכ קיינ גאַבעטע ניט געווענ; זי האָט מיכ ניט גערופנ ווי הײַנט „בעריל קאָלבאַס", נאָר „בערעלע", אונ איכ פלעג זי רופנ „מיריעמ-לעב!" אונ עס איז באַוווינדערליכ האָראַבימ געווענ א גרויס ליבשאַפט צווישנ אונדז. אונ קוימ האָט זי דערהערט דעמ „מײַ-מער-האַמוסגער" — אז מיכ דאָרשט, האָט זי מיר באַלד דערלאַנגט א ביסל ווײַנשל-שנאַפּס! שנאַפּס האָט א גרויסע פולע אפנ קויעכ-האַדאַמ, אונ איכ פלעג זי טאַקע טאָכ-קעדײַ-דיבער אָנכאַפּנ באַמ קלייד, דער-לאַנגענ א ברענענדיקנ קוש אינ די רויטע קירשנ אַרײַנ... אונ טאָפּלט דערפרישט, נעמענ זיכ צו די סערמענגעס!

הײַנט — אויס קירשנ!

איכ הייס „בעריל קאָלבאַס", זי — „מיריעמ־דוואָשע"...

אויכ בינ איכ געוואָר געוואָרנ, אז ערד איז דאָ ווייניק, פויערימ — א סאַכ... מע זאָגט: צופיל... איז די „איבעריקע" פויערימ לײַדנ הונגער; אז אפילע פונ 6 מאָרג ערד קאָנ מענ ניט לעבנ, אז ווינטער, דעריבער, רוט דאָס פויערל ניט.

עס גייט ערשט א „וואָזקע".

א שיינע רו האָט ער עס ווינטער! גאַנצע טעג אונ נעכט פירט ער וויצ אינ לייבלס מיל אַרײַנ.

וואָס קלערט איר? איכ קאָנ א סאכ נאכעס האָבנ, אז מײַנ סער־מענגע, מײַנ פּראצע, ווערט א גאנצנ ווינטער אויסגעווייקט, נאָכקריכנדיק א פּאָר פּעגירישע פערד, וואָס שלעפּנ לייבל מילנערס טווע פאר דרײַצנ גראָשנ פּער זאק, פאר פינפ מײַל וועגס!

פּששש! אונ וואָס האָב איכ פאר א נאכעס פונ א טרעגער־פּעלצל?

א גאנצנ ווינטער טראָגט עס זעק מיט מעל אינ לייבל מילנערס מיל ארײַנ, אונ א גאנצנ זומער ליגט עס פארזעצט אינ שענק פאר כײַ גראָשנ.

עלעל־צײַט, אז מע ברענגט עס מיר אופצוריכטנ, ווער איכ נאָכ שיקער פונ רייעכ פונ שלעכטנ בראָנפנ!

אונ אז לייבל מילנערס שאָפּנ־פּעלצ, ביכוויידוי אוועאצמוי, פאלט מיר אינ די הענט ארײַנ, ווי מיינט איר, האָב איכ נאכעס דערפונ?

עס איז טאקע א שאָפּנ־פּעלצ, עס איז טאקע א קאָוועד, מע האָט טאקע דערפאר דערעכעוועצ אינ שטעטל; נאָר מיר קומט דערפונ קיינ גוטס ניט ארויס.

איכ האָב א מיִעסע טעווע געקריגנ: איבער וואָס איכ זע, האָב איכ ליב צו קלערנ: פ ו נ וו א נ ע נ עס קומט? פ א ר וו א ָ ס עס איז אזוי? צי קאָנ ניט א נ ד ע ר ש זײַנ! אונ אזוי ווי איכ קריג לייבל מילנערס פּעלצ אינ דער האנט ארײַנ, הייב איכ אָנ צו קלערנ:

ריבוינעשעלוילעמ! נאָכ וואָס האָסטו באשאפנ אזויפיל מינימ פּעלצנ? פארוואָס האָט איינער א שאָפּנ־פּעלצ, דער צווייטער — א טרעגער־פּעלצל, אונ דער דריטער — א סערמענגע, אונ א פערטער גאָרניט?

אונ קוימ הייב איכ אָנ קלערנ, פארטראכט איכ מיכ, די נאָדל בלײַבט שטיינ, אונ האָישע צנוע מאָראס מיריעמ טיכיע ווארפט מיר, וואָס עס קומט איר אונטער דער האנט, אינ קאָפ ארײַנ...

זי וויל גלײַכ מיט אלע, אז „בערל קאָלבאס" זאָל ווייניקער קלערנ אונ מער ארבעטנ...

נאָר וואָס זאָל איכ טאָנ, אז איכ מוז קלערנ! אז איכ וויס פאָרט, אז לייבל מילנער לאָזט זיכ ניט פריִער איבערשטרײַכנ דעם שאָפּנ־פּעלצ,

ביז ער דײַסט ניט אָפּ א גראָשנ פונ זאק דער סערמיענגע, אונ דעם אייגענעמ גראָשנ מער פוד דעמ פעלצל...

נו, זאָל איכ פונ דעמ נאכעס האָבנ?

★

א, איכ האָב שיר ניט פארגעסנ!

א וואָכ פאר סליכעס האָט זיכ מיר־שיר ניט געמאכט א נײַע מאָדנע ארבעט... וואָס ווײַבער קאָנענ! עס קומט ארײַנ פריידל די גאַ־בעטע מיט שרעקלעכ גרויסע האנטשו אפ די הענט — איכ קוק מיכ צו, עס איז א פאָר פויערשע שטיוול — איכ האָב געמיינט, אז איכ פלאצ פאר געלעכטער.

— גוט־מאָרגנ! — מאכט זי צו מיר מיט איר זיס־אָפּגעריסנ קעלכל. — גוט־מאָרגנ, בערעלע!

זי איז בײַנ ווײַבס כאוועֶרטע, אונ איז זיכ נויהעג, פונקט ווי די גאנצע שטאָט, אונ רופט מיכ „בערל קאָלבאס", הײַנט: בערעלע! אונ אזוי זיס — אײַנגעמאכטס דערפונ צו פרעגלענ! פארשטיי איכ שוינ, אז זי דארפ עפּעס צו מיר...

איכ קלער, אז זי האָט די פויערשע שטיוול פונ א וואָגנ „אראָפּ־געצויגנ" (עס איז דאָכ ניט ערגער פאר קליינגעלט פונ — צדאָקע־פושקע) אונ וויל בא מיר די סכוירע באהאלטנ.

פרעג איכ זי שטרענג:

— וואָס ווילט איר?

— באלד מיטנ „יִרגאָזנ", — ענטפערט זי נאָכ זיסער, האָניק רינט איר פונ אלטנ מויל ארויס, — באלד „וואָס ווילט איר?" אונ ווו איז דער „גוט־יאָר"!

— זאָל זײַנ „גוט־יאָר", נאָר אנ עק.

— וואָס אײַלסטו זיכ, בערעלע, — שמייכלט זי נאָכ זיסער — אָט בינ איכ געקומענ דיכ פרעגנ, אויב דו האָסט ניט עטלעכע שטיקלעכ פוטער.

— אונ וואָס איז, אז כ'האָב?

— וואָלט איך דיר אָנגעשלאָגן אן אייסעק, — מאכט זי.

— נו? ארויס דערמיט! רעדט!

— דו זאָלסט זײַן א גוטער „בערעלע", וואָלסטו מיר אויסגעבעטן אַט די שטיוול מיט שטיקלעך פוטער! איך וואָלט געהאט אין וואָס צו גיין צו סליכעס, און דו וואָלסט דיר גאָר וואָלוול א מיצווע געקויפט!

איר פארשטייט א מיסכער? א „וואָלוועלע מיצווע"!

— איר ווייסט דאָך, — זאָג איך איר, — אז בערל קאָלבאס איז ניט קיין באַל-אסקן אף מיצוועס.

— נאָר וואָס? פון אן אָרעמער יידענע וועסטו געלט נעמען?

— נו, ניט קיין געלט! איך וועל עס אײַך טאָן פאר גאָר א קלײַניקײַט: איך וועל אײַך אויסבעטן די שטיוול, און איר וועט נאָר מיר דערציילן אײַערע כאטאָס נעורים...

וויל זי ניט, האָב איך זי אָפּגעשיקט צו אן אײַנבינדער!

בעט איך ניט קיין שטיוול אויס! עס איז מיר אזוי, אויך נימעס אומאָעס פארן לעבן! איר לאכט? און דאָך, אז איך האָב ניט קיין שטרײַמל, איז מיר אלץ נימעס אומאָעס! ווארעם וואָס? אף וואָס ארבעט איך? אלץ דעם שטיק כומער אָנצולייגן! און מיט וואָס? מיט ברויט און מיט קארטאָפל, ברויט אָן קארטאָפל, און גאנץ אָפט נאָך מיט קארטאָפל אָן ברויט! קעדײַ?

גלייבט מיר, אז א מענטש ארבעט פופציק יאָר און עסט פופציק יאָר טאָגטעגלעך קארטאָפל, מוז אים נימעס אומאָעס ווערן דאָס לעבן! מוז אים דאָך אמאָל אײַנפאלן — זיך אָדער לייבל מילנער א מײַסע צו טאָן! און אויב איך עס ווײַטער רויק מײַנע קארטאָפל און איך ארבעט ווײַטער, האָב איך עס נאָר דעם שטרײַמל צו פארדאנקען.

אז איך קריג א שטרײַמל אין די הענט ארײַן, ווערט מיר אופגעפרישט דאָס בלוט אין די אָדערן! ווייס איך, נאָך וואָס איך לעב!

— —

מאכנדיק דאָס שטרײַמל, פיל איך, אז איך האלט א פויגל אין דער האנט, און אָט וועל איך זי עפענען, וועט דער פויגל ארופליען הויך, הויך! קוים מיטן אויג צו דערזען!

און איך וועל שטיין און קוקן און קוועלן: דאָס איז מײַן פֿויגל, איך האָב׳ן געמאַכט. איך האָב׳ן אַרופֿגעשלאָגן אין דער הייך!

אין שטאָט, באָרעכאַשעם, האָב איך קיין דייע ניט, צו קיין אַסיפֿע רופֿט מען מיך ניט, אַליין גיין, — בין איך קיין שנײַדער ניט, איך קום ניט קימאַט אַרויס אין גאַס אַרײַן! איך האָב קיין שטאָט ניט, ניט אין שול, ניט אין בעסמעדרעש, ניט בא א מיניען! איך האָב אַפֿ גאָרניט, אין ערגעץ ניט צו שאַפֿן... אין דער היים איז מאָראַס מיריעם די רײַטערקע! איידער איך פּרווו עפּעס דאָס מויל צו רײדן א וואָרט, באַהאָגלט זי מיך שוין מיט קלאָלעס! זי ווייסט שוין, וואָס איך וויל זאָגן, וואָס „בערל קאָלבאַס״ מיינט, און עס קאָכט.

נו, וואָס בין איך? א גאָרניט! און דאָך, לאָז איך אַמאָל אַרויס א שטרײַמל אַפֿ קאָהאָל — בייגט זיך קאָהאָל אײַנדרײַען!

איך זיץ אין דער היים און שווײַג, און מײַן שטרײַמל שאָקלט זיך אויבנאָן אַפֿ א כאַסענע, אַפֿ א בריס, אַפֿ א סודאַס-מיצווע... עס הויבט זיך איבערן גאַנצן אוילעם בא דער קאַלפֿע, בא א דינ-טוירע!

און אַז איך דערמאָן מיך אין דער געדולע, וואַקסט מיר טאַקע דאָס האַרץ.

קעגנאיבער מיר ווינט א שמוקלער... איך בין אים, אַסער, ניט מעקאַנע!..

זאָל זײַנער אַן עפּאָלעט, אָדער א שליפֿע, זאָגן אַפֿ א יי ב אָקס „טרייף״, און אַפֿן צווייטן „קאָשער״! אַדעראַבע, לאָמיר זען! און אַז מײַן שטרײַמל זאָגט אַפֿ פֿיר אָקסן דורכאַנאַנד: „טרייף!״ — ווערט דער קאַצעוו אויסגעריסן, די העקער־יונגעע באַהאַלטן די צייב אין בײַטל, דאָס גאַנצע שטעטל האָט נײַע „נײַן טעג״, א גאַנצע סאָטניע קאָזאַקן קריגט פֿאַר זעקס גראָשן א פֿונט פֿלייש, און פֿאַרפֿאַלן! עס רעדט קיינער ניט א וואָרט!

אָט דאָס הייסט א גווורע!

איך געדענק דען ניט? פאראיאָרן איז געווען א פּעגירע אפ שאָפּ.

עפּעס, זאָגט מען, מאכן די שעפּעלעך אזוינע מאָדנע האקאָפּעס, ביז זיי פארדרייען די קעפּלעך און פאלן אנידער טויט! איך בין ניט געווען דערביי; „האקאָפּעס" איז „האקאָפּעס", נאָר מינהאסטאמ האָט שוין יאנקל קאצעוו געהאט וואָלוול שאָפּן-פליייש!

דער וועטערינאר איז געקומען און געזאָגט: טריף! מע הערט אים ווי די קאץ!

ער האָט אראָפּגעבראכט פירערליי עפּאָלעטן, א פּאָר שליפּעס; מע האָט זיי אלע אוועקגעגאנווט דאָס פליייש פון אונטער די הענט, און נאָך אפן דריטן טאָג האָט דאָס גאנצע שטעטל געהאט וואָלוול קאָשער פליייש אפ וועטשערע!

בא מיין שטריימל גאנווט מען ניט! עס דארף קיין שליפּעס, קיין עפּאָלעטן ניט, ער אליין דירט זיך אויך ניט פון אָרט! און קאָלזמאַן מיין שטריימל זאָגט ניט: עס! עפּנט זיך אין שטעטל קיין מויל ניט אוף!

★

איר מיינט עפּשער, אז די גווורע שטעקט אין דעם, וואָס איז אונטערן שטריימל? אָסער כאזער.

איר ווייסט עפּשער ניט, וואָס דערונטער איז?

איך, באָרעכאשעם, ווייס!

די בריִע איז, באָרעכאשעם, פריִער אין נאָך א קלענער שטעטל א מעלאמעד געווען, און מיין טאטע, אָלעווואשאָלעם, איידער ער האָט געזען, אז עס וועט שוין פון מיר קיין לייט ניט זיין, האָט ער מיך אהין געשיקט צו דער בריִע לערנען! עס איז געווען, ראכמאָנע־ליצ־לאָן, א שלימאזל, וואָס די וועלט פארמאָגט עס ניט! א זעלטענער מעלאמעד!

די באלעבאטימ האָבן געזען, אז ער קאָן זיך ניט אפ קיין „צור־ראס מאטבייע", האָבן זיי אים באלד אָפּגעריסן א העלפט סכירעס און

די צווייטע העלפט געצאָלט מיט אָפגעריבענע צווייערס פאר דרײַערס, אָדער מיט בלעכענע פערציקערס; די רעבעצנ האָט געזענ, אז זי וועט מיט אימ מיט גוטנ ניט ארויס, פלעגט זי איר טאָגטעגלעכ דאָס בערדל אויסצופנ.

אונ איר האָט ניט וואָס פאריבל צו האָבנ!

ערשטנס, האָט געפעלט פארנאָסע, צווייטנס, האָט א ייִדענע ליב צו צופנ; דריטנס, האָט ער שוינ א בערדל געהאט, וואָס האָט זיכ געבעטנ, קימאט געכאלעשט, מע זאָל עס צופנ! עס האָט אזוי באשײַמ-פערלעכ געבעטנ, אז מיר, טאלמידימ, האָבנ זיכ אויכ ניט געקאָנט אײַנ-האלטנ אונ אלעמאָל האָט זיכ אנ אנדערער געמוזט ארויפלאָזנ אונטערנ טיש, צוכאפנ זיכ צומ רעבנס בערדל אונ אויסרײַסנ א האָר!

נו, זאָגט אלײנ! קאָנ אינ אזא בריע שטעקנ א גוורע?

עפשער מײנט איר, ער איז מיט דער צײַט אנדערש געוואָרנ?

אָסער כאזער! עס איז אינ אימ קײנ שומ ענדערונג ניט געשענ! די אײגענע קלײנע, פארלאָשענע, מיט אײטער פארגאָסענע, באטלאָנישע, שטענדיק דערשראָקענע אויגנ!..

עמעס, פאר דאכקעס איז אימ דאָס ערשטע ווײַב געשטאָרבנ. נו, וואָס איז? מײַ נאפקעמינע? צופט אימ דאָס צווייטע דאָס בערדל! וויבאלד עס בעט זיכ, עס כאלעשט, מע זאָל עס צופנ, אז מע קאָנ עס ניט אָפזאָגנ! אונ איכ אלײנ, ווענ איכ זע עס, קומט מיר אויכ דאָס וואסער אינ מויל ארײַנ, א צופ צו טאָנ!

נאָר וואָס דענ איז געשענ? ניט מער נאָר, וואָס איכ האָב אימ א שטרײַמל געמאכט!..

איכ בינ מודע אומיסוואדע, אז ניט מײַנ אײצע איז עס געוועזנ! מיר וואָלט עס גאָר ניט אײַנגעפאלנ!

קאָהאָל האָט באשטעלט, אונ איכ האָב געמאכט! נאָר קוימ איז דאָס אײגענע קאָהאָל געווירע געוואָרנ, אז דאָס שטרײַמל, וואָס זיי האָבנ בא מיר באשטעלט, וואָס איכ, אָרעמער „בערל קאָלבאס", האָב געמאכט, קומט צו פאָרנ אונ איז שוינ א ווערסט הינטער דער שטאָט, איז עס ארויסגעלאָפנ מיט א סימכע, מיט א געדולע! קינד אונ קײט

איז ארויסגעלאָפנ, קראנקע זײַנענ פונ די בעטנ ארויס! מע האָט אײַנ־געשפּאנט די פערד, אינ גאנצ קאָהאָל האָט זיכ אפּ איינמאָל געוואָלט זײַנשפּאנענ אונ שלעפנ מײַנ שטרײַמל; גאָט ווייסט, וואָס פארא מאכלוי־קעס עס וואָלט דערפונ ארויס! וואָס מאר פעטש, וואָס פארא מעסירעס... ווענ ניט וואָס א כאָכעמ האָט אנ אייצע געגעבנ: מע זאָל מאכנ א ליציטאציע!

אונ לייבל מילנער האָט געגעבנ כײַ מאָל כײַ זעהווים, אונ ער איז געוועזנ דאָס ערשטע פערד!

נו, שטעקט ניט א גוורע אינ מײַנ שטרײַמל?

★

מײַנ אישע צנוע רופט מיכ (אבוצ בעזיל קאָלבאס) נאָכ באלטײַ־ווניק, אזעסמעכוצעפניק, ניוולפעניק, קאָלבויניק, אונ וואָס דאָס וואסער ברענגט איר אינ מויל ארײַנ...

עס איז עמעס, א מענטש איז קיינ כאזער ניט! איכ האָב האנאָע פונ א גלײַכווערטל; איכ האָב אמאָל ליב לייבל מילנער, אינ די אויגנ אונ אונטער די אויגנ, ארײַנצוזעצנ א שפּילקע.

איכ — וואָס וועל איכ דאָ לייקענענ? — די דינסטמיידלעכ, וואָס נעמענ וואסער קעגניבער אינ הויפ באמ פלומפ, זײַנענ כאסוועשאָלעמ קיינ קויהאנים אונ דוכענענ ניט, האָב איכ ליב א קוק צו טאָנ...

נאָר גלייבט מיר, אז ניט דאָס דערהאלט מיכ באמ לעבנ!

מיכ דערהאלט באמ לעבנ אײנ זאכ: איכ ווייס, אז איכ לאָז איינ מאָל אינ א יויוול ארויס אנ אווידע־זאָרעלע אפ קאָהאָל, אונ דער גאנצער אוילעמ בוקט זיכ צו איר, צו מײַנ „מײַסע יאָדײַ!"

איכ ווייס, אז ווענ מײַנ אישע צנוע ווארפט מיר די שליסעלעכ איבערנ טיש, אז דאָס האָט איר מײַנ שטרײַמל אזוי געהייסנ. מיכ הערט זי ווי די קאצ, אָבער מײַנ שטרײַמל מוז זי פאָלגנ.

ווענ זי קומט אהיימ ערעוו שאבעס אונ יאָמטעוו פונ יאטקע אָנ פליייש, אונ שילט דעמ קאצעוו — ווייס איכ, אז דער קאצעוו איז א מאקע שולדיק, אז מײַנ שטרײַמל לאָזט זי הײַנט קיינ קוגל ניט מאכנ!

איך ווייס, אז ווען זי נעמט נאָך גאָר א גוטן טאָפּ און ווארפט אים ארויס אין גאס ארייַן, אז דאָס האָט ניט זי, נאָר מייַן שטרייַמל דעם טאָפּ ארויסגעוואָרפן! אז ווען זי נעמט און קנייַפּט אויס פון ראָשטשינע א שטיק טייג און ווארפט עס אין פייַער ארייַן, און הייבט אוף די הענט, און פארגלאָצט די אויגן צום באלקן, ווייס איך גאנץ גוט, אז דער באלקן הייבט דערפון גאָר ניט אָן צו וויסן, — אז דאָס האָט גאָר מייַן שטרייַמל דאָס שטיקל טייג פארברענט!

★

און דערבייַ ווייס איך, אז מייַן אישע צנוע איז ניט קיין באַ-סיעכידע בא קאָהאָל, און קאָהאָל איז ניט קיין בעניאָכיד בא גאָט; אז קאָהאָל האָט א סאך אזוינע נאָשים צידקאָניעס, און גאָט, באָרוך-הו, האָט א סאך אזוינע קאָהאָלס, און אז מייַן שטרייַמל האָט איבער אלע מיליאָנען מיליאסן נאָשים צידקאָניעס צו שאפן!

מיליאָנען שליסל ווערן געוואָרפן, מיליאָנען ווייַבער מאכן ניט קיין קוגל, מיליאָנען טעפּ פלאצן אף די שטיינער אין גאס, און פון דעם כאלע נעמען וואָלט איך מיך אונטערגענומען מעפארנעס צו זייַן א פּאָלק עווויונים.

און ווער טוט דאָס אלץ! אלץ מייַסע יאָדייַ! אלץ מייַן שטרייַמל!

★

ווייַטער דער שמוקלער! אָט זיצט ער קעגנאיבער דעם פענצטער; זייַן פּאָנעם גלאנצט, גלייַך מע וואָלט עס מיט שמאלץ באשמירט.

וואָס גלאנצט עס? וואָס פינקלען אים די לויפנדיקע אייגעלעך?

ער האָט אָנגעדרייט א פּאָר גאָלדענע שליפעס!

ערשטנס, ווייסן מיר, וואָס גאָלד און וואָס מישורא איז! און צווייטנס, ווייס איך, אז א פּאָר שליפעס מוזן צען מאָל מער זעל-נער האָבן הינטער זיך, אלס לייבלס שאָפן-פעלץ — סערמעגעס און

טרעגער-פּעלצלעכ! און הײַנט זאָל פּרוּוון די גרעסטע גאָלדענע שליפּע אַרויסגעבן א פּריקאַז: „צענ אָקסן זאָלסטו קוילענ און א האלב קאָכנ!" „קרענק זאָלסטו קײַענ, פּירעדלײַ געפּעס האָבנ און די מילצ עסנ אַפּ דער לינקער זײַט טעלער!", „פונ יעדנ ביסנ זאָלסטו וואַרפנ א שטיק אינ פײַער צי אינ וואַסער אַרײַנ!", אָדער: „יעדער כאָסנ מוז מיר פּריִער וויַיזנ זײַנ קאַלע, און יעדע קאַלע — איר כאָסנ!", „מיט מיר — אַלצ, אפילע צעזעצטערהייט, אָנ מיר — ניט א לעק!"

די גרעסטע גענעראַלסקע שליפּע וועט גאָר די פאַנטאַזיע, די האָזע דערצו ניט האָבנ! און וועג יאָ, וואָלט זי געמוזט פאַרזייענ מיט נײַע זעלנער די גאַנצע מעדינע: בא יעדנ בעט אַנידערשטעלנ כאַטש א פּאָר קאָזאַקנ, איינער זאָל היטנ דעמ צווייטנ, און ביידע — דאָס בעט!

און וויפל וואָלט דערבײַ נאָכ געוויוועס געשענ, וויפל קאָנטראַבאַנ-דע! וויפל וואָלט מענ אָפּגענאַרט! דיבוינעשעלוילעמ, ווי פאַרמאָגט מענ דאָס!

און מײַנ שטרײַמל טוט דאָס אַלצ, און שטיל און פײַנ, אָנ נאַ-הײַקעס, אָנ קאָזאַקנ!

איכ זיצ מיר גאַנצ שטיל אינ שטוב און ווייס, אז אָנ מײַנ שטרײַמלס דערלויבעניש וועט זיכ קיינ מוישעלע צו קיינ כאַנעלענ ניט צורירנ, קיינ אויג ניט וואַרפנ!

כאַסוועשאָלעמ!

און פאַרקערט, אז מײַנ שטרײַמל הענגט אָנ אַזא מוישעלענ אָדער כאַנעלענ א לונג-און-לעבער אַפ דער נאָז, איז — צום טויט! קענסט פונ איר ניט אַנדערש פּאָטער ווערנ, סײַדנ מיטנ לעבנ צוזאַמענ! און ווילסטו אזוי לאַנג ניט וואַרטנ, מוזטו קומענ בעטנ, כאַלעשנ פאַרנ אייגענעמ שטרײַמל: שטרײַמעלע, דאַטעווע! שטרײַמעלע, עפנ מיר אויפ די קייטנ! לאָז מיכ אַרויס פונ טפּיסע!

★

אינ עק גאַס איז דאָ א שענק.

זײַט מײַנ אישע צנוע איז א גאַבעטע געוואָרנ און גיסט מיר אַפּ

ווײַנשל קײנ שנאַפּס ניט אופ, כאָטש איכ מיכ דאַרפ אַמאָל אַרײַנ, דאָס האַרצ צו דערכאַפּנ! ביפראָסט איז אַ טאָנעס; אַלקאָהאָלפּאָנעמ בינ איכ דאָכ ניט מחויבֿ צו פאַסטנ; עס איז דאָכ פּאָרט מײַנ אײגנ שטרײַמל!

דעם שינקער קענ איכ שוינ פונ לאַנג... ער לעבט אויכ ניט פונ מיצוועס אונ מײַסים־טויווים... נאָר ניט אינ דעם בינ איכ אַצינד אַריסנ...

צוויי טעכטער האָט ער געהאַט! צוויי שוועסטער פונ אײנ טאַטע־מאַמע! וואָס זאָג איכ, אַ צווילינג! ווי איכ בינ אַ ייִד.

עס איז דענ מעגלעכ געווענ אײנע פונ דער צווייטער צו אונטערשיידנ? אונ אַ כײנעוודיקער צווילינג, אַ בראָכע צו מאַכנ!

פּענעמלעכ — ווי סימכאַסטוירע־עפּעלעכ פונ אַ פּאַנ אַרעפּ! בײַ־שמעקט — ווי בסאָמים־שטעקעלעכ; אױסגעזאָקט ווי לולאָווימ, אונ צוויי פּאָר אויגנ, זאָל גאָט שוימער אומעצל זײַנ! אַז אײנע וואַרפט אַ בליק, דאַכט זיכ — אַ בריליאַנט האָט געבליצט, אונ אָרנטלעכע קינדער! אינ שענק — אונ דאָכ ווײַט פונ שענק!

אינ אָרנקוידעש אַלײנ וואָלט מענ זיי ניט בעסער אונ ערלעכער דערצויגנ.

☆

אינ שענק געבאָרנ — אונ דאָס זיגנע מאַלקעט געווענ: עס האָט קײנ אײנציקער שיקער פאַר זיי קײנ שלעכט וואָרט ניט גערעדט... קײנ סטראַזשניק, קײנ אַקציזניק! עס זאָל געווענ דער גרעסטער מאָנ אַרײַנקומענ, וואָלט ער אויכ, דאַכט זיכ, די הענט ניט געהאַט אײנער אַ קניפּ צו געבנ אינ בעקל: ניט מיט די הענט, ניט מיטנ אויג, ניט אַפילע אינ געדאַנק! איכ האָב שוינ, שויר ניט געזאָגט: אַז איכ זיי שמעקט גוער גורורע ווי אינ מײַנ שטרײַמל! אונ איכ וואָלט אַ גראָבנ טאָעס געהאַט!

דאָס שטרײַמל, האָט זיכ אויסגעוויזנ, איז שטאַרקער, טויזנט מאָל שטאַרקער פאַר זיי!

א צווילינג! איינע פֿון דער אנדערער האָט זיך ניט געווינט. אז איי־נער האָט עפּעס ווי געטאָן, האָט די צווייטע דעם אייגענעם שמערצ געפילט... און דאָך — ווי געשווינד האָבן זיך זייערע וועגן צעשיידט...

דאָס אייגענע געטאָן, קוים ־עטוואָס אנדערש, און דאָך!..

ביידע האָבן זיך פלוצלינג פארענדערט: טיילמאָל זיינען זיי פריי־לעכער, טיילמאָל טרויעריקער און פארטראכטער געוועזן ווי פריער! — איך קאָן אייך ניט אויסמאָלן, וואָס מיט זיי איז געשען. די רעכטע ווערטער ליגן מיר אפ דער צונג, נאָר איך קען זיי ניט ארויסשארן... א מענטש האָט ניט געלערנט... נאָר אין זיי איז עפּעס טיפער, פעסטער און צוגלייך טרויעריקער און זיסער געוואָרן...

און מע האָט געוווסט, ווער עס איז שולדיק דערינען: מע האָט געטייט מיט די פינגער אפ צוויי מוישעלעך, וואָס האָבן ביידע כאנעלעך נאָך שענער, נאָך בעסער, נאָך כיינעווודיקער, נאָך עפּעס העכער געמאכט!..

עט, עפּעס האָב איך אן אנדער לאָשן באקומען, עס פּאסט גאָר ניט פאר א קירזשנער! א טרער האָט זיך מיר אין די אויגן פאר־דרייט: ניט פאר מיינע יאָרן.

מיין אישע צנוע וועט ווייטער זאָגן: באלטיווניק...
איך וועל אייך שוין לאנג ניט ברייען:

ביידע שוועסטער האָבן דאָס אייגענע געטאָן, קעהאוואיע דאָס אייגענע, ניט אומזיסט זיינען זיי דאָך א צווילינג געוועזן!

ביידע האָבן מוישעלעך באקומען, און ביידע האָבן געמוזט אין א קורצער צייט ארום ארייננזעצן קלינעס אין די קליידעלעך!

שעמט אייך ניט, דער כיידער־אוילעם איז אזוי; גאָמס ווילן איז עס, וואָס איז די בושע?

און דאָך, ווי אנדערש איז בא יעדערער געשען!

איין שוועסטער האָט געטראָגן פראנק און פריי: פאר גאָט אין שול, פאר לייט אין גאס, פארן סטראזשניק, אקציזניק און אלע געסט אין שענק!

די אייגענע שוועסטער האָט זיך דערנאָך אין דער ווייט פון די

שיקורים, אין א שטילע שטוב, אין א וואַרעמע שטוב און אין א ווײַס בעט אַרײַנגעלייגט.

מע האָט די פּענצטער פֿאַרהאַנגען, די גאַס מיט שטרוי אויסגעלייגט, עס איז א באָבע געקומען; מע האָט נאָך א דאָקטער געשיקט... דערנאָך איז א סימכע געווען... און ווי הייסט א סימכע!

און עס האָט אָנגעהויבן וואַקסן א בײַ קליין מוישעלע — לעטוירע, לעכופּע אולמײַסים טויווים! און אַז זי האָט געזען, ווי גוט עס איז, שיט זי שוין יאָר באַ יאָר קליינע מוישעלעך, און איז א באַלעבאָסטע אַד האַיום האַזע...

אָבער די צווייטע האָט געטראָגן בעסאָד סוידעס, ווייען געקריגן אין א קעלער, דאָס קינד האָט אָפּגענומען א שוואַרצע קאַץ...

איר קליין מוישעלע ליגט שוין לאַנג ערגעץ הינטער א צוים; מער וועט שוין קיין מוישעלעך באַ איר ניט זײַן! און איין גאָט ווייסט, ווו זי אַליין איז אומגעקומען — זי איז אַוועק!

מע זאָגט, אַז זי דינט ערגעץ אָפּ דער ווײַטער וועלט, אַז זי לעקט אָפּ פֿון פֿרעמדע טעלער... אַנדערע זאָגן, אַז זי לעבט שוין ניט מער...

א שלעכטן סאָף געהאַט!

און דער גאַנצער כילעק איז געווען, וואָס דאָס ערשטע איז געשען אָפֿן שול-הויף, אָפֿן אַלטן בערגל מיסט, אונטער א ברודיק שטיק וואָלן-צײַג מיט באַזילבערטע אויסיעס... נאָר מיטן שטרײַמל — און דאָס צווייטע איז געשען ערגעץ אין א זינגענדיקן וואַלד, אָפּ פֿרישן גראָז מיט פֿרישע בלומען, אונטער גאָטס בלויען הימל, אויסגעזייט מיט זײַנע שטערן, נאָר אָנעם שטרײַמל.

עס העלפֿט ניט קיין שמעקעדיקע בלומען, קיין זינגענדיקער וואַלד, ניט גאָטס הימל, ניט זײַנע שטערן, ניט גאָט אַליין! —

ניט אין זיי אַלע שטעקט די גוורע; אין שטרײַמל שטעקט זי! ניט אין פּאַגאָנעס, ניט אין שליפֿעס, ניט אין טויזנט מאָל שענערע כאַנעלעך, נאָר אַלץ אין שטרײַמל. אין דעם שטרײַמל, וואָס איך, „בערל קאָלבאַס“, מאַך.

און דאָס נאָר דערהאַלט מיך באַם גאַרישן לעבן פֿון קאַרטאָפֿל.

די פרומע קאַץ

דרײַ זינג-פֿייגעלעך זײַנען געווען אין איין שטוב, און אַלע דרײַ, איינס נאָכן אַנדערן — האָט די קאַץ צורעכט געמאַכט...

עס איז קיין אײנפאַכע קאַץ ניט געווען, נאָר אַן עפּעס, עמעס פֿרומע נעשאָמע, וואָס האָט ניט אומזיסט געטראָגן די ווײַסע גוט-ייִדי־שע יופּע, און געהאַט אייגעלעך, אין וועלכע דער הימל האָט זיך גע־שפּיגלט...

עס איז אַ פֿרומע קאַץ, אַ טווילע-קאַץ געווען! צען מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשן... און געגעסן האָט זי שטיל, ערגעץ אין אַ זײַט, אין אַ ווינקעלע...

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געכאַפּט וואָס-עס-איז מילכעדיקס, און ערשט אַז די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, האָט זי געגעסן פֿלייש, קאָשער מײַזן-פֿלייש...

און ניט געאײַלט זיך צו דער אַכילע, ווי אַ גראָבע זאַך. ניט גע־כאַפּט און געשלונגען, ווי פּרעסער טוען; נאָר בענימעס, שפּילנדיק... זאָל דאָס מײַזל לעבן נאָך אַ רעגע... זאָל עס אַ ביסל אַרומטאַנצן, אָפּציטערן, ווידע זאָגן — אַ פֿרומע קאַץ כאַפּט ניט...

אַז מע האָט אין שטוב אַרײַן דעם ערשטן זינג־פֿויגל געבראַכט, האָט זי אַפּ׳ן באַלד ראַכמאָנעס באַקומען; עס האָט זי באַם האַרץ אָנ־געכאַפּט.

— אַזאַ שיינס, — זיפֿצט זי, — אַזאַ קליינס, אַזאַ מעכײַעדיק פֿייגעלע זאָל קיין אוילעמהאַבע ניט האָבן!

— און עס קאָן קיין אוילעמהאַבע ניט האָבן! — איז זיכער די קאַץ —

ערשטנס, וואשט זיכ עס דײַטשעריש, מיטנ גאנצנ לײַב אינ שיסע-לע וואסער...

צווייטנס, אז מע האָט עס אײַנגעזעצט אינ שטײַג, איז עס שוינ א [illegible]-ראָע! כאָטש א יונג, זיס און פײַנ פייגעלע... האלט עס שוינ מער פונ דינאמיט, ווי פונ שולכנ-אָרעכ.

הײַנט דאָס זינגענ אליינ! דאָס אויסגעלאסענע זינגענ, דאָס צו-פײַפנ און דאָס קוקנ גלײַכ אָנ א שום דערעכערעצ אינ הימל ארײַנ! דאָס רײַסנ זיכ ארויס פונ שטײַג, צו דער זינדיקער וועלט, צו דער פרײַער לופט, צום אָפענעם פענצטער...

צי איז נאָכ אמאָל א קאצ אינ א שטײַג געזעסנ? צי האָט נאָכ אמאָל א פרומע קאצ אזוי געפיפנ, אזוי זימרע-בענ-סאָלעדיק געפיפנ?

— און א שאָד! — וויינט דאָס פרומע הארצ אינ דער פרומער קאצ, — עס איז דאָכ א לעבעדיקע זאכ, א טײַערע נעשאָמע, א פונק פונ דער הייכ!

דער קאצ קומענ טרערנ אינ די אויגנ:

— און דאָס גאנצע אומגליק איז, וואָס דער זינדיקער גופ איז אזוי שיינ, דער אוילעמהאזע דעריבער — אזוי לוסטיק, דער יעיצערהאָרע אזוי שטארק...

ווי קענ אזא קליינ זיס פייגעלע זיכ אנטקעגנשטעלנ דעם שרעקלעכנ יעיצערהאָרע?

און וואָס מער עס לעבט, מער זינדיקט עס, גרעסער ווערט זײַנ די שטראָפ...

הא!

און א הייליק פײַער האָט זיכ אָנגעצונדנ אינ דער קאצ, דאָס פײַער פונ פינכאָס בענ עלאָזאָר בענ ארנ האקויהענ, און זי איז ארופ-געשפרונגענ אפנ טיש, ווו די שטײַג מיטנ זינג-פייגעלע איז געשטאנענ, און — עס פליִענ שוינ פעדערנ אינ צימער.

* * *

מע האָט די קאַצ געשלאָגנ... די שלעג נעמט זי אָנ פאַר ליב...
זי האָט פרומ אָפּגעקרעכצט, אָפּגעמיאַוטשעט א יאָמערלעכנ אַלכעט...
מער וועט זי שוינ ניט זינדיקנ...

די קלוגע קאַצ פאַרשטייט, פאַר וואָס מע האָט זי געשלאָגנ... מער וועט זי זיפּ קיינ שלעג ניט פאַרדינענ...

— מע האָט זי געשלאָגנ, — פאַרשטייט די קאַצ, — דערפאַר, ווייל זי האָט פאַרפּעדערט די שטוב; ווייל אפנ ווייסנ געשטריקטנ טישטעכ זיינענ געבליבנ פלעקנ פונ בלוט...

אַזאַ פּסאַק מוז מענ מעקייעמ זיינ גוט, שטיל אונ פרומ, עס זאָל קיינ פעדער ניט פליענ, קיינ טראָפּנ בלוט ניט פאַלנ...

אונ — אַז מע האָט דעמ צווייטנ זינג-פויגל געקויפט אונ אינ שטוב געלאָזט, האָט זי אימ שוינ שטיל אונ פיינ דערוואָרגנ אונ מיט די פעדערנ צוזאַמענ איינגעשלונגענ.

* * *

מע האָט די קאַצ געשמיסנ...
צונד האָט ערשט די קאַצ פאַרשטאַנענ, אַז ניט וועגנ פעדערנ גייט עס, ניט וועגנ פלעקנ פונ בלוט אפנ טישטעכ...

דער סאָד איז, אַז מע טאָר נישט טייטנ! אַז מע דאַרפ ליב האָבנ, מויכל זיינ... אַז ניט מיט אַרבע-מיסעס-בעסדנ פאַרבעסערט מענ די זינדיקע וועלט!

מע דאַרפ מאַכזיר-לעמוטעוו זיינ, מוסער זאָגנ, צומ האַרצ ריידנ!
אַ קאַנאַריק א באַלטשוווע קאָנ קומענ צו אַזאַ מאַדרייגע, צו וועלכער די פרימסטע קאַצ וועט ניט דערגרייכנ!

אונ די קאַצ דערמילט, ווי עס וואַקסט אינ איר דאָס האַרצ פאַר פרייד: אויס אַלטע שלעכטע אונ האַרטע צייטנ! אויס בלוט פאַרגיסנ. ראַכמאָנעס, ראַכמאָנעס, אונ נאָכאַמאָל ראַכמאָנעס...

* * *

און מיט ראכמאָנעס איז זי צוגעגאנגען צום דריטן קאנאריק!

— שרעק דיך ניט, — מאכט זי מיט דער ווייכסטער שטימע, וואָס איז אמאָל ארויס פון א קאציקן האלדז, — זינגדיק ביסטו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן, ווײַל איך האָב ראכמאָנעס אף דיר!

איך וועל דיר אפילע די שטײַג נישט עפענען, איך וועל דיך אפילע נישט אָנרירן!

דו שוויַיגסט? זייער גוט! איידער פרעכע לידער צו זינגען, איז גלײַכער שווײַגן!

— דו צאפּלסט — נאָך בעסער! נאָך בעסער! צאפּל, צאפּל, מײַן קינד, נאָר ניט פאר מיר, פארן בוירע-אוילעם צאפּל, פאר זײַן ליבן נאָמען!

— האלעווײַ זאָלסטו שוין אזוי בלײַבן! — שטיל, ריין און צאפּל-דיק...

— איך וועל דיר העלפן צאפּלען! פון מײַן פרומער נעשאָמע וועל איך הויכן אף דיר שטילקײַט, זיסקײַט און פרומקײַט... מיט מײַן הויך זאָל ארײַנן עמונע אין דײַן לײַב, יִירעס-שאָמאַיִם אין דײַנע ביינדלעך, טשוווע און כאראָטע אין דײַן הערצעלע!

און די קאץ פילט ערשט, ווי גוט עס איז צו מויכל זײַן, ווי א פרייד עס איז יענעם ארײַנצובלאָזן מיטן הויך פרומקײַט און ערלעכ-קײַט.

און עס וואקסט דאָס פרימסטע הארץ אין דער פרימסטער ווײַסער קאץ. —

נאָר דער קאנאריק קאָן אין דער קאצן-לופט ניט אָטעמען — עס האָט אים דערשטיקט.

אָנמערקונגענ אונ דערקלערונגענ

דער מעשולעכ

באָרעכאשעמ — גאָט צו דאנקענ.
א טאל־אומאָטאָרל — דאָ געמיינט: א קליינס.
בעכיטויוו — צום גוטנ.
נישט בעקאוו האבריָע — ניט געזונט.
כעוורע נוסימ — די שאמאָסימ, וואָס טראָגנ אוועק דעמ טויטנ אפנ בעסאלמענ.
אוילעמ עמעס — געמיינט: יענע וועלט (א רעליגיעזער באגריפ).
בעסדנ־שעל־מײַלע — דער אייבערשטער (הימלשער) געריכט, ריכטער.
העסע — א וואנט־לײַכטער.

באָנציע שווײַג

סוטערינע — א קעלער.
„אינ פלוס״ ליציטירט — גלײַכ אפנ אָרט אויסגעדונגענ.
ניפטער געוואָרנ — געשטאָרבנ.
ניסבאקעש געוואָרנ בעיעשיווע־שעל־מײַלע — גערופנ (אופגעפאָדערט) געוואָרנ אינ הימל ארײַנ.
קיסיי האקאָווּעד — גאָטס שטול.
פסאק — אורטייל.
קאטייגער — פראָקוראָר.
א זעמער — א געזאנג.
קאמעראד — כאווער.
פרעזעס — פאָרזיצער.
מיילִיצ־יוישער, מאלעכ־מיילִיצ — דער פארטיידיקער, אדוואָקאט.
איִעוו — דער הויפט־העלד פונעמ ביבלישנ בוכ מיט דעמ זעלבנ נאָמענ. לויט דער ביבלישער לעגענדע, האָט גאָט אויסגעפרווט איִעווס פרומקײַט דורכ פארשיידענע צאָרעס, וואָס ער האָט אפ אימ אָנגעשיקט.

דיקסי — איך האָב מײַנס געזאָגט (געענדיקט ריידן).

אורבעסדן — פאָרזיצער פון געריכט.

יעריכוי — א שטאָט אין פאַלעסטינע אין די ביבלישע צײַטן. לויט דער ביבלישער לעגענדע, זײַנען די מויערן פון יעריכוי (בײַט די בני־ישׂראל האָבן זי באלאגערט) אײַנגעפאלן דערפון, וואָס די בני־ישׂראל זײַנען ארומגעגאנגען ארום די מויערן און האָבן געשאלט אין טרומייטן.

אוילאָם־האשעקער — פאלשע וועלט.

דיאַנים — דאָ: ריכטער.

דער מעשוגענער באַטלען

שײַנע האָכאָ — דאָ איז עפּעס אַנדערש.

כאקרען — א פאָרשער, א פילאָסאָף. געוויינלעך רופט מען אָן „כאקרען" א מענטשן, וואָס פארנעמט זיך מיט פוסטע פילאָסאָפירונגען.

א מאראָכע — דאָ געמיינט: א גליק.

א דיבעק — ווי עס גלייבן די אָבערגלייביקע: א רוּעך, וואָס האָט זיך באַזעצט אין מענטשנס קערפּער.

א וועהאָרײַע — און אָט איז א באַווײַז.

שליטע — מאכט, ווירקונג.

כקירע — פילאָסאָפיע.

מאסיג זײַן — באגרײַפן.

קיִער — האנטפאס (אין בעסמעדרעש).

הייכע דאָמי — ווי קען עס געמאָלט זײַן?!

אראָפּצושניפּן — אראָפּצושלעפּן.

טאָכ־קעדיי־דיבער — גלײַך אפן שטעל.

זיכרוינעס־ליוורארכאָ — זײַן אָנדענק זאָל געבענטשט זײַן. א צושפּרוך, וואָס א רעליגיעזער ייִד געברויכט, ווען ער דערמאָנט א פארשטאָרבענעם פרומען מענטשן.

באל־אקיידע — דער פּסעוודאָנים פונעם אויטאָר פונעם ווערק „אקייראס־יִצכאָק" (א רעליגיעז־פילאָסאָפישער בוך). דאָ געמיינט: דעם בוך גופא.

א פילע־פלאָימדיקער — א וואונדערבארער.

דרוש — א סכאָלאסטישע אויסטײַטשונג פון ביבלישע „פּסוקים" און טאלמודישע אפאָריזמען.

א באל־אקיידעניק — געמיינט: א לערנער פונעם „באל־אקיידע".

מעוואטל געוועזן — געמאכט צו גאָרנישט.

אד סאָף קאָל האדוירעס — ביזן סאָף פון אַלע דורעס, אייביק.

כאמויר — אייזל.

וואָיטעק — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: גראָבער קאָפּ.

נעדאָרימ — א טאלמודישער טראקטאט, וווּ עס האנדלט זיך וועגנ „נעדאָרימ" (צוזאָגנ, פארפליכטונגענ), וואָס א רעליגיעזער ייִד נעמט אפ זיך אויסצופילנ.

פייִרעק — קאפיטל.

קוינעכ, קוינאָמ, קוינעס — טאלמודישע טערמינענ, וואָס באטײַטנ באשטימטע מינימ „נעדאָרימ".

א לאָשנ שעבאָדוּ כאכאָמימ — אנ אויסדרוק (א טערמינ, א פאָרמולע) פונ די (טאלמודישע) געלערנטע.

קרינ־פוילנ — דער טייל פוילנ, וואָס האָט פאר דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע פונ די יאָרנ 1914—1918 געהערט צו רוסלאנד.

רזשאָנ — א קלאפ, א שטויס.

קניפיק — א מעסערל.

א באסקאָל — געמיינט: א קאָל פונ הימל.

מעאבעד אצמוי לאָדאאס זײַנ — באגיינ זעלבסטמאָרד.

דאָס שטרײַמל

אכריי בלויסי — נאָכ דעמ, ווי איכ בינ פארוועלקט געוואָרנ.

מעמע־האמוסגער — א באמערק־זאצ; א זאצ, וואָס איז גענומענ אינ קלאמערנ.

אישע צנוע מאָראס — הנ צניעסדיקע פרוי.

באהוינויסייגו האָראבימ — איבער אונדזערע גרויסע זינד. דאָ געמיינט: מע דארפ מוידע זײַנ.

קויעכ־האדאָמ — די קראפט פונ בלוט, דער טעמפעראמענט.

מאָרג — א שעטעכ־מאָס פאר ערד. בא 0,6 העקטאר.

כײַ (ח״י) — אכצנ.

ביכוידוי אוועאצמוי — ער שאקע אלײנ (מיט זײַנ קאָוועד).

טיכיע — זאָל לעבנ.

איז זיכ נויהעג — פירט זיכ אומ.

ירגאָזנ — געמיינט: א קאס, א געוויילדער.

באל־אסקנ — געמיינט: א באלנ.

כאטאס נעוורימ — יוגנט־זינד.

כוימער — געמיינט: דעמ קערפער.

סודאס־מיצווע — א מאָלצײַט בא א מיצווע (בא א בריס, בא א כאסענע).

בא דער קאלפע — בא דער וואל־ארונע, ווענ מע פלעגט ווײלנ די קאָהאָלשע בירער, גאבאָימ אאוו.

האקאָפעס — דאָ געמיינט: דריידלעכ.

א י כ ב י ן מ ו י ד ע א ו מ י ס ו ו א ד ע — איך בין מוידע און אָנערקענ.

כ ח מ אָ י כ ח ז ע ה ו ו י ם — אכצן מאָל אכצן גילדנ.

א ז ע ס מ ע כ ו צ ע פ נ י ק — אזעספּאָנעם.

ג י ו ו ל פ ע נ י ק — א מענטש, וואָס רעדט גראָבע רייד.

א נ א ו ו י ד ע־ז אָ ר ע ל ע — א געצ. אנ אָפּגאָט.

מ ח ס ע־י אָ ד י ח — דאָס ווערק פונ מיינע הענט.

ג אָ ש י מ צ י ד ק אָ נ י ע ס — פרומע ווייבער.

ב אָ ר ו כ־ה ו — געבענטשט זאָל ער זיינ.

מ ע פ א ר נ ע ס ז י נ ב — שפּײַזנ.

ש ו י מ ע ר א ו מ א צ ל ז י נ ב — אויסהיטנ.

ק ע ה א ו ו א י ע — דאָ געמיינט: פונקט, מאמעש.

ד ע ר ס י י ד ע ר־א ו י ל ע מ — די אָרדענונג פונ דער וועלט.

א ד ה א י ו י מ ה א ז ע — ביז היינטיקנ טאָג.

די פרומע קאצ

ג ו ט־י י ד י ש ע י ו פ ע — די שפּיצע פונ א „גוטנ־יידנ", פונ א רעבנ.

א ט ו י ל ע — דאָס אָפּטוקנ זיך אינ וואסער מיט ריטועלע צוועקנ.

ב ע נ י מ ע ס — מיט א זיס, פרום פּאָנעם.

ו י ד ע ז אָ ג נ — זאָגנ א ספּעציעלע טפילע פארנ טויט.

ו ו א ש ט ז י כ ד י ט ש ע ר י ש — ניט לויטנ יידישנ רעליגיעזנ ריטואל.

ש ו ל כ נ־אָ ר ע כ — א זאמלונג רעליגיעזע געזעצנ, וויאזוי א ייד דארפ זיך אופירנ.

ז י מ ר ע־ב ע נ־ס אָ ל ע ד י ק — (זימרע בענ סאָלו — לויט דער ביבלישער לעגענדע, אנ אויסגעלאסענע זינדיקע פּערזאָנ) געמיינט: אויסגעלאסנ.

פ י נ כ ע ס ב ע נ ע ל אָ ז אָ ר ב ע נ א ר נ ה א ק ו י ה ע נ — פינכעס, דער זונ פונ עלאָזאָר, דער זונ פונ ארנ דעמ קויהענ, וואָס האָט, לויט דער ביבלישער לעגענדע, אינ גאָטס נאָמענ זיך נויקעמ געווענ אינ דעמ זינדיקנ זימרי בענ סאָלו און האָט אימ דערהארגעט.

א ר ב ע־מ י ס ע ס־ב ע ס ד נ — פירערליי טויטנ, מיט וועלכע מע פלעגט, לויטנ ביבלישנ און טאלמודישנ געזעצ, דערהארגענענ די פארמישפּעטע צומ טויט.

מ א כ ז י ר־ל ע מ ו ט ע ו ו ז י נ נ — אומקערנ (דעמ זינדיקנ) אפנ גוטנ וועג (ער זאָל פרומ ווערנ).

ב ו י ר ע־א ו י ל ע מ — דער שעפער פונ דער וועלט (גאָט).

י י ר ע ס־ש אָ מ א י מ — גאָטספאָרכטיקייט.